Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראָשען

הײַנט 8 זײַטען

נײַער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צײַטונג

Nr. 185 (877) | Łódź, Środa 11 Sierpnia 1926 | פערטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך 2 אלול תרפ״ו. | Nr. 185 (877)

Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24-71 || אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21. טעל. 24 71

קאָנפליקט: רוסלאַנד—כינאַ.

שאַנכאַי, 10 (פּאַט) לויט יאַפּאַנישע ידיעות פון פּעקין, האָט טשיטשערין צוגעשיקט אַן׳ענטפער אויף דער פאָדערונג פון דער כינעזישער רעגירונג, אַז אויפ׳ן פּאָסטען פון סאָוויעטישען אַמבאַסאַדאָר, וואָס האָט ביז איצט פערנומען קאַראַכאַן, זאָל בעשטימט-ווערען אַן׳אַנדערער.

אין זײַן ענטפער ערקלערט טשיטשערין, אַז אויב כינאַ פאָדערט דוקא אַדורכצופיהרען די דאָזיגע ענדערונג, בלײַבט דער סאָוויעטישער רעגירונג גאָרנישט אויס עפּיס אַנדערש, ווי נאָר צו אַנולירען די אַנערקענונג פון כינאַ, און צו וואַרטען אויף דעם אָנקומען פון אַ נײַער רעגירונג אין כינאַ.

ווענען וועקסעל-דיסקאָנטאָ אין „באַנק פּאָלסקי“.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) צוליב דעם לאַנג-דויערנדיגען קריזיס פון די בענק האָבען די ברייטע שיכטען פון דעם יודישען סוחר׳טום דעם פולסטען צוטרוי נור צו דער „באַנק פּאָלסקי“ און וואָלטען וועלען אָנטרויען זייערע וועקסלען צו דיסקאָנטאָ נור דער „באַנק פּאָלסקי“.

אָבער די דירעקציע פון „באַנק פּאָלסקי“ האָט אַרויסגעגעבען אַ פאָראָרדנונג, אַז זי נעהמט-אָן וועקסלען צו דיסקאָנטירען נור אין אַזעלכע ערטער, וואו עס געפינען זיך אָפּטיילונגען פון דער באַנק. די „באַנק פּאָלסקי“ אָבער האָט אין משך פון לעצטען יאָהר פערקלענערט די צאָהל פון איהרע אָפּטיילונגען און אַמאָל אויך איבערגעגעבען אַ טייל פון די דאָזיגע אָפּטיילונגען דער „באַנק דלאַ האַנדלו“ (Bank dla Handlu).

דעריבער קאָן נישט אַ גרויסער טייל פון דעם יודישען סוחר׳טום זיך בענוצען מיט דער „באַנק פּאָלסקי“, און דאָס מאַכט נאָך שווערער די קרעדיט-אָפּעראַציעס ביים אָפּשליסען האַנדעל-טראַנזאַקציעס.

מען מוז נעהמען אין אַכט, אַז דער אונטערשיד צווישען דעם דיסקאָנטאָ-פּראָצענט פון „באַנק פּאָלסקי“ און די דיסקאָנטאָ-הוצאות פון די פּריוואַטע בענק מאַכט-אויס פון 8% ביז 10%.

און דאָס פערגרעסערט שטאַרק די האַנדעלס-הוצאות פון דעם סוחר׳טום.

די דאָזיגע בעגרענצונג ד.ה. דאָס אָננעהמען וועקסעל-דיסקאָנטאָ נור אין די ערטער, וואו עס געפינען זיך די אָפּטיילונגען פון „באַנק פּאָלסקי“, איז נישט פּראָוויזאָריש אין דעם סטאַטוט פון דער דערמאָהנטער באַנק, און דערום האָט זיך די צענטראַלע פון סוחרים-פעראיין געווענדעט צו דער דירעקציע פון „באַנק פּאָלסקי“ און אויך צום פינאַנץ-מיניסטער מיט פאָלגענדע פאָדערונגען:

1) די דירעקציע פון „באַנק פּאָלסקי“ זאָל פעראָרדנען, מען זאָל אָננעהמען צו דיסקאָנטירען וועקסלען אפילו אין אַזעלכע ערטער, וואו די „באַנק פּאָלסקי“ האָט נישט איהרע אָפּטיילונגען.

2) אויב די דירעקציע פון „באַנק פּאָלסקי“ וועט נישט אימשטאַנד זײַן אַרויסצוגעבען אַזאַ מין פעראָרדנונג, זאָל צוזאַמענגערופען ווערען אַ קאָנפערענץ, מיט בעטייליגונג פון פאָרשטעהער פון די פעראינטערעסירטע ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס, כדי אַרומצורעדען וועגען די מיטלען צו פערשפּרייטען די מעגליכקייטען פון „באַנק פּאָלסקי“ בנוגע דער דיסקאָנטאָ-טעטיגקייט.

„באַנק פּאָלסקי“ בעפרייט זיך פון אַ חוב.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) דער באַלאַנס פון „באַנק פּאָלסקי“ פאַר דעם ערשטען דריטעל פון ה. ח. זאָגט צו צו-זײַן אַ זעהר פּאָזיטיווער. דער אײַנקויף פון פרעמדע וואַלוטעס האָט געגעבען אויסגעצייכענטע רעזולטאַטען, און דער עודף איבער דעם פערקויף מאַכט אויס עטליכע מיליאָן זלאָטעס אין גאָלד.

ווי מען דערוויסט זיך האָט די לייטונג פון דער „באַנק פּאָלסקי“ בדעה גאָך אין משך פון דעם איצטיגען דריטעל חודש אויסצוצאָהלען דעם רעשט פון דעם אויסלענדישען חוב, וואָס בעטרעפט 10 מיליאָן דאָלאַר, און וואָס קומט דער פעדעראַל-רעזערוו באַנק.

ווענען פּעטליוראַ׳ס ממלא מקום.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער אוקראַינישער צענטראַל-קאָמיטעט אין פּוילען האָט פונאַנדערגעשיקט אַ קאָמוניקאַט, אין וועלכען ער לייקענט אָפּ די ידיעות, וועגען דעם, אַז די אוקראַינער עמיגראַציע אין פּוילען שטיצט אונטער די קאַנדידאַטור פון פּאַלטאַוועץ-אָסטריאַניצאַ אַלס פערטרעטער פון דעם דערשאָסענעם אַטאַמאַן סימאָן פּעטליוראַ.

דער צענטראַל-קאָמיטעט ערקלערט, אַז סיי די אוקראַינישע עמיגראַציע אין פּוילען, סיי אין גאַנץ אייראָפּאַ האַלט פאַר דעם בערעכטיגטען יורש פון פּעטליוראַ׳ן — אַנדריי ליוויצקי׳ן.

פּאָליטישער דירעקטאָר אין אינערן-מיניסטעריום.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) אין משך פון דער לויפענדער וואָך וועט נאָמינירט ווערען אַ נײַער דירעקטאָר פון פּאָליטישען דעפּאַרטאַמענט. די קאַנדידאַטור איז נאָך אָבער ביז איצט נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען.

עס ווערט גערעדט וועגען אַ בעקאַנטען פּראָפעסאָר און פּאָליטישען טוער, וועלכער איז געווען דעפּוטאַט אין איינער פון די שכנישע מלוכות.

פערקלענערטע אַרבייטסלאָזיגקייט.

וואַרשאַ, 10 (פּאַט) אין דער וואָך פון דעם 24 ביז׳ן 31 יולי ה. י. האָט די צאָהל אַרבייטסלאָזע בעטראָפען 264,737 פּערזאָן. אין פערהעלטניש צו דער פריהערדיגער וואָך איז די אַרבייטסלאָזיגקייט פערקלענערט געוואָרען מיט 7,875 פּערזאָן.

אַמאַנסאַנס באַנק ווערט ליקווידירט.

וואַרשאַ, 10. (טעלעפאָניש). דאָס באַנק-הויז פון סט. גאַמאַנסאַן און זוהן, וואָס האָט שוין זייט אַ לענגערע צייט שטאַרק בעגרענצט די אָפּעראַציעס, איז צוגעטרעטען צו אַ פאָרמעלער ליקווידאַציע, אָפּזאָגענדיג דאָס גאַנצע פערבליבענע פּערסאָנאַל.

די פאָרמעלע ליקווידאַציע וועט פערענדיגט ווערען ביז אָקטאָבער.

כדאי צו דערמאָהנען, אַז דאָס איז שוין די לעצטע פון די אַלטע אָנגעזעהענע באַנק-אינסטיטוציעס אין וואַרשאַ.

33 דיווערסאַנטען.

ווילנאַ, 10. (טעלעפאָניש) אין דער שטראָף-אָפּטיילונג פון קרייז-געריכט אין ווילנאַ האָט זיך נעכטען אָנגעהויבען דער גרויסער פּראָצעס פון 33 דיווערסאַנטען, וועלכע ווערען אָנגעבעשולדיגט, אַז זיי געפינען זיך אויף דער סאָוויעטישער דינסט.

די אַלע בעשולדיגטע זענען ווײַס-רוסען.

פעראורטיילט פּוילישע גלחים אין רוסלאַנד.

קיעוו, 9 (ספּ. טעל.) אין קאַראָסטען איז פאָרגעקומען אַ פּראָצעס פון 5 פּוילישע גלחים, וועלכע ווערען בעשולדיגט אין איבערשמוגלען פּאַליאַקען אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. דער הויפּט-בעשולדיגטער קסיאָנדז זשעלינסקי, אַ בעקאַנטער פּוילישער נאַציאָנאַלער עסקן, איז פעראורטיילט געוואָרען צו טויט-שטראָף דורך דערשיסען. דער קסיאָנדז לאָטייקאַ איז פעראורטיילט געוואָרען צו 2 יאָהר שווערע תפיסה און צו זײַן איזאָלירט אין אַ בעזונדער קאַמער. די איבריגע דרײַ קסיאָנדזען זענען פעראורטיילט געוואָרען צו צוויי יאָהר געוועהנליכע תפיסה.

פּויליש-דײַטשע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען.

בערלין, 10 (פּאַט) „פּאָטישע צייטונג“ מעלדעט, אַז אינגיכען וועלען איבערגעריסען ווערען די פּויליש-דײַטשע האַנדעלס-אונטערהאַנדלונגען, און זיי וועלען ווערען בענייט-ווערען נאָך די פערען.

באָהן-בילעטען וועלען נישט טײַערער ווערען.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין די היינטיגע צייטונגען האָבען זיך בעוויזען אַלאַרמירענדע נאָטיצען וועגען דעם פּראָיעקט צו העכערן דעם פּאַסאַזשיר-טאַריף אויף די מלוכה-באַהנען אויף 6–8 פּראָצענט.

די געלדער פון דעם געהעכערטען טאַריף האָבען געזאָלט — לויט די קלאַנגען — אויסגענוצט ווערען אויף נויטיגע באַהן-אינוועסטיציעס.

מיר דערוויסען זיך פון באַהן-מיניסטעריום, אַז די אינוועסטיציעס ווערען געמאַכט מיט דער הילף פון די לויפענדע באַהן-הכנסות, און אַז דאָס העכערן דעם באַהן-טאַריף איז נישט דיסקוטירט געוואָרען און אַפילו נישט פּראָיעקטירט געוואָרען.

— מען זוכט עפּעס זאָל טײַערער ווערען! ווי מיט ליכט זוכט מען...

נישט אויס גוט-פרײַנדשאַפט

הויבען ענגלאַנד און דײַטשלאַנד דעם זלאָטי.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) פון פינאַנציעלע קרייזען מעלדעט מען, אַז אויף די אויסלענדישע בערזעס לאָזט זיך בעמערקען אַ שטאַרקע אַקציע צו הויבען דעם קורס פון פּוילישען זלאָטי. די דאָזיגע אַקציע ווערט געפיהרט פון צוויי זייטען, נעמליך פון געוויסע דײַטשע און ענגלישע קרייזען.

דער איצטיגער קורס פון פּוילישען זלאָטי ערלויבט אויף אַ בעדייטענדען עקספּאָרט קיין אויסלאַנד און צו קאָנקורירען מיט די דײַטשע אויסאַרבייטונגען, וואָס עס וואָלט אונמעגליך געווען ווען ביי אַ העכערונג פון זלאָטי-קורס.

די ענגלישע פינאַנץ-ספערען ווידער האָבען מורא, אַז ווען עס וועט אַפילו ליקווידירט ווערען דער ענגלישער קויהלען-שטרייק, וועט אַ טייל פון מאַרק, וואָס איז געווען בעהערשט פון ענגלישע קויהלען, פערלוירען געהען לטובת פּוילען צוליב די ביליגערע פּרײַזען פון די פּוילישע קויהלען. אין די לעצטע טעג האָט מען געזאָלט וואַרפען אויפ׳ן מאַרק 80 טויזענד פונט שטערלינג אויף צו הייבען דעם זלאָטי.

מען וויל לינדערן די אַרבייטסלאָזיגקייט.

וואַרשאַ, 10. (טעלעפאָניש).

די דעלעגאַטקע פון פרויען-פעראַבאַנד אין אַמעריקאַ פרוי קאָהוט, וועלכע איז אָנגעקומען קיין פּוילען, האָט אָפּגעהאַלטען אַ רייהע קאָנפערענצען מיט פערשיעדענע כלל-טוער, אויספרעגענדיג זיי וועגען דעם עקאָנאָמישען מצב פון פּוילישען יודענטום. איבערהויפּט האָט זיך פרוי קאָהוט פעראינטערעסירט מיט דער אַרבייטסלאָזיגקייט-פראַגע און געבעטען מען זאָל איהר צושטעלען אַ גענויען פּראָיעקט ווי אַזוי צו לינדערן די אַרבייטסלאָזיגקייט.

ווי מען טיילט מיט, האָט פרוי קאָהוט בדעה, נאָך איהר אומקעהרען זיך קיין אַמעריקאַ, צו פיהרען אַ העפטיגע קאַמפּאַניע פאַר שאַפען די נויטיגע געלד-מיטלען אויף צו עפענען אין וואַרשאַ און אין אַ גאַנצע רייהע שטעדט פון פּוילען, פע שידענע אונטערנעהמונגען אין וועלכע הונדערטער יודישע פרויען זאָלען קענען געפונען בעשעפטיגונג, פערשטעהט זיך, אַז נאָר די פרויען, וועלכע זענען די אייציגע שפּײַזערינס פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס.

אתרוגים וועלען קאָסטען ביליג.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש) די עקספּאָרט-און אימפּאָרט-קאָמיסיע ביים האַנדעלס-מיניסטעריום האָט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג, אויף וועלכער ס׳איז צווישען אַנדערע אויך בעהאַנדעלט געוואָרען די פראַגע וועגען אַרייגברענגען לולבים מיט הדסים.

די קאָמיסיע האָט אײַנגעזעהן, אַז דער קאָנטינגענט פון 10 טויזענד קילאָ, וואָס דער האַנדעלס-מיניסטער האָט בעשטימט, איז צו ווייניג אויף צו בעפרידיגען די בעדערפענישען פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פּוילען. דעריבער האָט זי זיך געווענדעט מיט אַ פאָרשלאַג צום מיניסטער, אַז ער זאָל פערגרעסערען דעם קאָנטינגענט מיט נאָך 2 וואַגאָן ד. ה., אַז צוזאַמען זאָל מען מעגען אַרייגברענגען 30 טויזענד קילאָ.

דער מיניסטער קוויאַטקאָווסקי וועט וואַהרשיינליך נאָך היינטיגען דאָנערשטאָג דעצידירען, אַז דער קאָנטינגענט זאָל פערגרעסערט-ווערען און לויט ווי מען פערזיכערט אונז, וועט דאַן אַ אתרוג און אַ לולב אויסמאַכען גאַנץ ביליג.

פילסודסקי בלייבט קריגס־מיניסטער.

וואַרשאַ, 10. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). ווי מען דער־וואוסט זיך פון זיכערע קוועלען, פערבלייבט דער מאַרשאַל פילסודסקי אויף זיין אַמט אַלס קריגס־מיניסטער.

אויב זיין אַרבייט אויף דעם אַמט וועט איהם צופיל אַנגאַזשירען, וועט גען. דירז־שמיגלי בעשטימט ווערען אַלס זיין פערטרעטער.

וועלכע שולעס האבען רעכט אויף מיליטער־„אדראשעניעס“?

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער בילדונגס־מיניסטער האָט פערעפענטליכט אַ רשימה פון אַלע שולעס, וואָס געניסען פון די אַזוי־גערופענע „אָדראָטשעניעס“ ביים מיליטער דינסט.

צווישען אַנדערע פיגורירען אויף דער רשימה פאָלגענדע שילעס פון לאָדז, זגיערזש און פּאַביאַניץ:

די לאָדזער מלוכה־גימנאַזיע אויפ׳ן נאָמען פון קאָפּערניק, ברוין׳ס און טאָמאַשעווסקי׳ס גימנאַזיעס, די גימנאַזיעס אויף די נעמען פון פּילסודסקי און סקאָרופּקא, זשימאָווסקי׳ס גימנאַזיע, די אַכט־קלאַסיגע האַנדעלס־שולע מיט דער האַנד־ווערקער־אָבטיילונג, די שולע ביי דער סוחרים־געזעלשאַפט, ערשטע און צווייטע יודישע גימנאַזיעס, יודישע גימנאַזיע, דייטשע גימנאַזיע, פּוילישע געזעלש. גימנאַזיע, די רעאַל־גימנאַזיע אויף פּאָמאָרסקאַ־גאַס, די גימנאַזיע פון לייב שאַקין, די פּראָפּעס. טעקסטיל־שולע, די פּראָפּעס. האַנדעל־שולע, די מלוכה׳שע האַנדעל־שולע, די שטעדטישע האַנדעל־שולע, די אינדוסטריע־שולע ביי דער געזעלש. צו פערשפרייטען טעכנישע בילדונג צווישען יודען, דער מלוכה־סעמינאַר, און די העכערע לעה־רער־קורסען.

אין זגיערזש: די מלוכה גימנאַזיע אויפ׳ן נאָמען פון סטאַשיץ און די האַנ־דעלס־שולע.

אין פּאַביאַניץ: די מלוכה־גימ־נאַזיע אויפ׳ן נאָמען פון שניאַדאָווסקי און די דייטשע גימנאַזיע.

שטייערען אויף בוי־צוועקען.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט) דאָס פינאַנץ־מיני־סטעריום אַרבייט אויס אַ נאָוועלע צום בוי־געזעץ לויט וועלכער אַ טייל פון הכנסה פון דירות־שטייערען זאָל פער־ווענדעט ווערען אויף בוי־צוועקען.

נייע סטאַטוטען אין די מלוכה־בענק.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט) דאָס פינאַנץ־מי־ניסטעריום אַרבייט אויס אַ רייה גע־זעצען וועגען פינאַנץ־ענינים, און צווי־שען אַנדערע – וועגען פערברייטערען די סטאַטוטען פון די מלוכה־בענק.

„ראַדאַ סטאַנו“.

וואַרשאַ, 10 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט). מאָרגען קומט פאָר אַ זיצונג פון מיניסטאָרען ראַט, אויף וועלכער עס וועט אָנגענומען ווע־רען דער סטאַטוט פון מלוכה־ראַט („ראַדאַ סטאַנו“).

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אינגערליכע קראַנקהייט. ספּעצ. לונגען או. האַרץ־קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען מיט קינסטליכע בערג־זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג. 1811

יודישער וועלט־ראַט פאַר׳ן שוץ פון די יודישע רעכט און אינטערעסען.

לאָנדאָן. (י.ט.אַ.) עס האָבען זיך פערענדיגט די בעראַטונגען צווישען די פאָרשטעהער פון „קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס“ אין פּאַריז און פון אַמעריקאַניש־יודישען קאָנגרעס וועגען שאַפען אַ וועלט־ראַט פאַר׳ן שוץ פון די יודישע רעכט און אינטערעסען.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען דורכצו־פיהרען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון „קאָמי־טעט פון די יודישע דעלעגאַציעס“ און עס איז בעשטעטיגט געוואָרען דער אַר־בייטס־פּלאַן פון קאָמיטעט פאַר׳ן קומענ־דיגען יאָהר.

אין די בעראַטונגען האָבען זיך בע־טייליגט צווישען אַנדערע: דער פּרע־זידענט פון אַמעריקאַניש יודישען קאָנ־גרעס דר. סטעפען ווייז, לואי ליפּסקי, א. ב. גאָלדבערג, וויצע־פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער יודישען קאָנגרעס סיל־ווערמאַן און דער פאָרשטעהער פון קאָנגרעס אין פּאַריז סאַרווין לעווענ־טהאַל, מצד דעם אייראָפּעאישען יודענ־טום זענען אַנוועזענד געווען: דעפּוטאַט יצחק גרינבוים, סענאַטאָר מיכאל רינ־געל, דעפּוטאַט דר. טהאָן, סענאַטאָר ראַבינער רובינשטיין, דעפּוטאַט דר. ראָזענבלאַט פון פּוילען; דעפּוטאַט ראַ־בינער נוראָק פון לעטלאַנד, הרב הראשי דר. היות פון וויען, דר. שמריהו לעווין, פּרעזידענט פון קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס, לעאָ מאָצקין און דער סעקרעטאַר פון קאָמיטעט ב. טשאַצקיס

אינדוסטריאַליזירונג פון די יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ.

בוענאָס־איירעס, (י.ט.א.) אין די גרעסערע יודישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינאַ ענטוויקעלט זיך לעצטענס גוט דער האַנדעל און אינדוסטריע. אין דער קאָלאָניע באַסאַוויל באַסאָ און אין ענטרע־ריאָס האָט זיך געגרינדעט אַ אַקציען געזעלשאַפט פון די קאָלאָניסטען וועלכע האָט אויפגעשטעלט אַ עלעק־טריע־אַנשטאַלט און אַ פאַבריק פון לע־בענס־אַרטיקלען אויסאַרבייטונגען.

עס איז אויך אויפגעבויט געוואָרען אַ גרויסע מיהל מיט די מאָדערנסטע טעכנישע איינריכטונגען. ביים מיהל זענען פערהאַן 4 תבואה־סקלאַדען, וועל־כע קענען איינעהמען 1,200 טאָן תבואה. די הכנסות פון דער געזעלשאַפט זענען בעדייטענדע. נאָכ׳ן ערשטען בילאַנס־יאָהר האָבען די אַקציאָנערען בעקומען אויסגעצאָהלט 10 פּראָצ. דיווידענד.

„כדי אפּצושרעקען די מינדערהייטען“.

אויף צו שרייבען, ביי אונזערע פערהעלטענישען אַזאַ בריף, דאַרף מען האָבען אַ סך מוט און עהרליכקייט!

אין ווילנער „טאָג“ געפינען מיר פאָלגענדען אַמענעם בריף אין רעדאַק־ציע פון דעם בעקאַנטען געזעלשאַפט־ליכען טוער אין פּוילישען ראַדיקאַל ה׳ עוועביוש לאַפּאַטשינסקי:

„דעם 7־טען ה. ח. האָב איך זיך גע־ווענדעט צו ה׳ רענאַרד, דעם פער־טרעטער פון שעף פון דער שטייער־אָפּטיילונג ביים מאַגיסטראַט וועגען אויפקלעהרען, אויף וואָס פאַר אַ כמך איז ביים אָפּשרייבען דעם אומבעוועג־ליכען פערמעגען פון אַ געוויסער אָרי־מער יודענע פאַר נישט בעצאָהלען לאָקאַל־שטייער צו דער פערלעגענער סומע פון 8 גילדען מיט 62 גר. צו־געלעגט 5 גילדען „פאַר מאַכען די רשימה“, ווי ס׳האָט ערקלעהרט דער סעקוועסטראַטאָר. ה׳ רענאַרד האָט גערופען דעם סעקוועסטראַטאָר, וועל־כער האָט געגעבען זעהר אימפּלאָהרע ערקלעהרונגען, וואָס האָבען נישט בע־פרידיגט דעם ה׳ ר., אָבער אין אַ מינוט אַרום האָט ער געזאָגט:

— אייגענטליך איז גאָרנישט שרעק־ליך. דאָס ווערט געמאַכט ספּעציעל, כדי אַנצוואַרפען אַ פּחד אויף די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטען.

און דער סעקוועסטראַטאָר האָט צוגעגעבען:

„אייך האָב איך עס נישט געמוזן טראָך דעם, וואָס איך בין געווען דריי מאָל“.

פּירושים זענען איבעריג. איך מוז בעמערקען, אַז איך בין אַ גוט־בעזיצער און הגם קיינעם איז נישט גוט, דאָך איז מיר בעסער ווי דער אָרימער יודענע. דעם דאָזיגען פאַקט האַלט איך פאַר אַ סקאַנדאַליעזען. צושרייבען אַזש 5 גילדען צום צעטעל, בעת דער פערלעגענער שטייער בעטרעפט בלויז 8 גילדען 62 גר. איז אַנ׳אומדערהערטע זאַך; ווער קען ערב זיין, אַז פון די אָרימע, סעפּאַראַטע אָדער אומבעוואוסטזיניגע יודען, און פאַרוואָס נישט אויך פון אַנדערע מינדערהייטען האָט מען בענו־מען אויף אַזאַ אופן אָהן שום רעכט געלד? אַזאַ ענין קוואַליפיצירט זיך צו דער פּראָקוראַטור.

יע־יער ערליכער פּאָליאַק דאַרף זיך פאַר חרפה בעטראַכטען לגבי אַזעלכע מעטאָדען.

און צי איז נישט פריהצייטיג די שמחה צוליב דער דעקלאַראַציע פון ה׳ באַרטעל וועגען אָפּשטעלען דעם ווירט־שאַפטליכען אַנטיסעמיטיזם? די רעגירונג האָט דעם בעטעבען... אָבער די סובאָרדינירטע אָרגאַנען האָבען נאָך נישט אָן צו פאָלגען.

די יוד. קאָלאָניעס אין אָדעסער ראַיאָן ווערען אויפגעריכט.

אָדעס (י.ט.אַ.) די יודישע קאָלאָניעס פון אָדעסער ראַיאָן, וועלכע האָבען, ווי בעוואוסט, צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד שטאַרק געליטען פון אומגערעטעניש, האָבען היינטיגס יאָהר די ערשטע גוטע גערע־טעניש. די גערעטעניש אין די יודישע קאָלאָניעס פון אָדעסער דיסטריקט שטייגט איבער די גערעטעניש פון די אָרומיגע נישט־יודישע פעלדער. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די יודישע קאָלאָניסטען האָבען צו דער הערבסט־ און פריהלינג־זריעה בעקומען גוטע מינים זריעה.

הום די לאַגע פון די קאָלאָניסטען אין אָדעסער ראַיאָן איז נאָך אַ שווערע. איז די שטימונג ביי זיי, אַ דאַנק דעם גוטען גערעטעניש, אַ מונטערע.

כדי אויסצומיידען ווייטערדיגע קרי־זיסען, וועלכע זענען פערבונדען מיט מעגליכע אומגערעטענישען, האָט די אָדעסער אָפּטיילונג פון „אָזעט“ און „אָרט“ בעשלאָסען איינצופיהרען אין די אָדעסער קאָלאָניעס נייע צווייגען פון ווירטשאַפט: אין דער ערשטער רייה וועלען איינ־געפיהרט ווערען ווייגערטנערייי און פיה־צוכט, דער עיקר מילך־ווירטשאַפט.

די אַלגעמיינע צאָהל פון יודישע קאָ־לאָניסטען אין אָדעסער קרייז דער־גרייכט ביז 1,500 פאַמיליעס. זייער לאַגע איז געווען ביז איצט זעהר אַ שווערע און איז נאָך איצט אויך גענוג שווער, אָבער עס הויבען זיך אָן צו בעמער־קען סמנים פון פערבעסערונג.

אויסער די 1,500 פאַמיליעס וועלען אין ראַיאָן פון די יודישע קאָלאָניעס בעזעצט ווערען נאָך 250 פאַמיליעס, פאַר וועלכע עס איז שוין אויסגעטיילט געוואָרען ערד. דער „קאָמועס“ האָט שוין צוגעשיקט געהילף און אין גיכען רעכנט מען צו צו בויען הייזער.

אַ חוץ דעם אָרגאַניזירט זיך ביים שטעטעל פּעטראָוועראָווקע אַ נייע קאָ־לאָניע פון 72 פאַמיליעס שטעטלדיגע איינוואוינער.

Dr. Prybulski
זאַמענהאָף 3, טעל. 25-38.
וועגערישע־ און האַר־ הויט־ קראַנקה. מענער־שוואַכע, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־ליכט (האַר־אויספאַל), רענטגען־שטראַלען.
נעמט אָן 9—1, 4—8 אָוו., דאַמען: 4-5

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען־קראַנקה.
קאָנסטאַנטינאָווסקאַ 9
טעלעפאָן 27-81
ספּעציעלער הדר פאַר שטאַמלער.
פּרעלעקטאָריען פון 2 ביז 2 און פון 5—7. 175
נעהמט אויך אָן אין לעקשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאָכמ.

Dr. med.
WOLF EYCHNER
Zgierska 38, tel. 34-72
ספּעצ. פאַר אַקושעריע און פרויען־קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 6 ביז 8 אָוונט.
פון 12 ביז 1 מיטאָג אין דער לעטשניצע אויף נייעם מאַרק, פּעטריקאָווער 294.

Dr. ALTERMAN-GURFEL
פרויען־קראַנקהייטען און אַקושעריע.
Piramowicza 10.
נעהמט אָ פון 4—6 נאָכמ טאָג

Dr. med.
M. GLAZER
ul. ZIELONA Nr. 6
הויט־ און ווענערישע קראַנקהייטען.
נעמט אָן פון 8—10, 12—2 און 7—8 אָוו. 689

זאָל גאַנץ לאָדז וויסען,
אַז דער גרעסטער אויסוואַהל פון
געבעטע שטיהל
פון אייגענער טישלעריי, פערשידענע פאַסאָנען, אויך
זעמטליכע טאַפּעצירער־אַרבייט, ווי: מאַטראַצען, קאַנאַפּעס, אטאָמאַנס, רונדע טישלעך, גאַנדאַלקעס, איז נור צו בעקומען אַמביליגסטען מיט די בעסטע בעדינגונגען ביי
י. א. וואַטשעכאָווסקי,
נאַוואָמיעסקאַ 10 10.

קאָנצעסיאָנירט דורך דער עלעקטראָניע.
ווער סויל האָבען אַ ליכטיג לעבען!
זאָל קומען צו דער בעוואוסטער פירמע
ב. ראַטביין
קאָנסטאַנטינער 3

וועלכע פיהרט אויס אַלע אַרט עלעקטרישע אַנלאַגען ליכט און קראַפט גרויסער אויסוואַהל פון עלעק־טרישע אַרטיקלען. צו ערמעסיגטע פּרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך!

966 RUTYNOWANA
Freblanka-Wychowawczyni
przyjmuje dzieci od 4—7 lat do wzorowo-prowadzonego kompletu freblowskiego.
Dowiedzieć się od godz. 10—1 p. p.
Solna 6. front, I piętro, u p. Bomsowej.

א וואוינונג
פון 3—4 צימערן און קיך
אין דער געגענד פון באַלוט, זגערזשער, בזשעזשינער, פּולנאָצנאַ און וואָלבאָרסקאַ, ווערט געזוכט.
פערמיטלער – נישט אויסגעשלאָסען.
אָפּערטען אונטער „ש.“ אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט“.

Dr. med. I. BETTE
Piotrkowska 6, tel. 44-95
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אָן פון 8—11 פריה און פון 4-6 נאָכמ.

Dr. DATYNER
ספּעצ. פון נירען־, בלאָזען־ און אורין־קראַנקהייטען
PIRAMOWICZA 11 (dawniej Ogińska)
Telefon 48-95
נעמט אָן פון 1—2 און פון 4-7 אין אָוונט. 963

דער גרעסטער געלד-מלוה אין דער וועלט.

צווישען ענגלאנד און די פאראייניגטע שטאטען האט זיך צופלאקערט א הייסע דעבאטע וועגען די מלחמה-חובות פון די אייראפעאישע מלוכות צו אמעריקא. די דעבאטע האט געעפענט, ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט, טשערטשיל, דער ענגלישער שאץ-קאנצלער, אנווייזענדיג אין א רעדע אין פארלאמענט, אז אמעריקא איז צו שטרענג צו איהרע אייראפעאישע בעלי-חובות און געבענדיג אנצוהערעניש, אז עס וואלט געווען א יושר, אמעריקא זאל איינגאנצען אפמעקען די מלחמה-חובות. דערויף האט געענטפערט מעללאן, דער אמעריקאנער פינאנץ-סעקרעטאר, אז אמעריקא האט שוין גענוג נאכגעלאזט פון די מלחמה-חובות און מעהר וויל זי נישט נאכלאזען און אז ענגלאנד האט ווייניגער רעכט, ווי אנדערע מלוכות צו מאדערן הנחות, ווייל זי האט א גרויסען טייל פון די אמעריקאנער הלואות בענוצט אויף פערפעסטיגען איהר וואלוטע און האנדעל. דערויף איז ווידער געקומען א ברייטע ערקלערונג פון ענגלישען מלוכה-אוצר וואו עס ווערט אויספיהרליך ערקלערט, אויף וואס ענגלאנד האט פערווענדעט דאס געלד פון די אמעריקאנער הלואות.

צו דער דאזיגער היציגער ויכוח וועט פיהרען צום געווינשטען צוועק — איז א גרויסער ספק. ניכער דארף מען רעכענען, אז דער ויכוח וועט נאך פערשטארקען די עקשנות פון אמעריקאנער מלוה, ער זאל נישט מאכען קיין שום ווייטערדיגע הנחות. דער אמעריקאנער עקאנאמיסט סטיוארט שטייט ווייזט אויף מיט ציפערן, אויף ווי ווייט די אמעריקאנער קאפיטאליסטען זענען אויסגעוואקסען א דאנק דער וועלט-מלחמה...

ארום 25 מיליארד דאלאר זענען היינט פערשפרייט אין פערשידענע לענדער אויסער די גרעניצען פון די פאראייניגטע שטאטען.

אין יאהר 1905 האט אמעריקא געהאט אין אויסלאנד נישט מעהר ווי 500 מיליאן דאלאר, בעת די אויסלענדישע קאפיטאליסטען האבען געהאט ליגען אין אמעריקאנער אונטערנעהמונגען ארום 7 מיליארד דאלאר, דאס הייסט, אז אמעריקא איז געווען פערשולדיגט אייראפא אויף 6 און א האלב מיליארד. אין משך פון די ווייטערדיגע 8 יאהר איז דער אמעריקאנער קאפיטאל אין אויסלאנד שטארק אויסגעוואקסען און דערגרייכט שוין 2 און א האלב מיליארד דאלאר. דאן איז געקומען די מלחמה, און אמעריקא איז מיט אמאל פון א בעל-חוב געווארען א מלוה. אין די 4 און א האלבען מלחמה-יאהרען האט אמעריקא ארויסגעפיהרט קיין אייראפא סחורות פאר 23 מיליארד און אריינגעפיהרט פאר 11 מיליארד. א פירטעל פון דער סומע איז בעצאהלט געווארען מיט אמעריקאנער אבליגאציעס, וואס האבען זיך נאך געפינען ביי די אייראפעאישע באנקירען. דער איבריגער טייל איז געבליבען חוב. די חובות פון אייראפע צו אמעריקע בעטרעפען נישט ווייניגער ווי 25 מיליארד דאלאר.

דער קאמף לאיד דזשארדזש — אסקוויט.

פארוואס די יודען זענען מיט לאיד דזשארדזש'ן.

פון רעא קעניג.

כאטש דער קאמף צווישען די ליבעראלע פיהרער האט זיך נאך נישט געענדיגט און ווען זיך אפשר אזוי גיך נישט ענדיגען, קען אבער שוין באלד קיין ספק נישט זיין, ווער עס וועט זיין דער זיגער צווישען די צוויי געוועזענע ליבעראלע פרעמיערען — צווישען לארד אקספארד און לאיד דזשארדזש. און נאך מעהר: עס זעהט אויס ווי די לעצטע ביטערע מחלוקה צווישען זיי האט לאיד דזשארדזש געגעבען די געלעגענהייט ווידער אומצוקערען זיין פערזענליכען פרעסטיזש צו דער אמאליגער גלענצענדער הויך.

לאיד דזשארדזש פיהלט זיך אין קאמף ווי א פיש אין וואסער, א קאמף איז זיין סטיכיע. אין לארד אקספארד (בעסער בעקאנט אונטער זיין פריהערדיגען נאמען מר. אסקוויט). האט שוין פערשפילט דערמיט וואס ער האט געשאפען אט די „גליקליכע סיטואציע" פאר זיין געגנער.

לאיד דזשארדזש האט שוין לאנג נישט געהאלטען אזעלכע גלענצענדע רעדעס ווי דוקא לעצטענס, ווען מען האט איהם געוואלט מחרים זיין, אויסשליסען פון דער ליבעראלער פארטיי — אפיציעל דערפאר, וואס ער סימפאטיזירט צופיל מיט די שטרייקער און נישט אפיציעל דערפאר, וואס ער האט אמאל אראפגעווארפען אסקוויט'ען און איז אליין געווארען פרעמיער אויף זיין ארט.

אבער נישט נאר די גאנצע ליבעראלע פרעסע (מיט'ן אויסנאם פון דער „וועסטמינסטער גאזעט") איז מיט לאיד דזשארדזש'ן, נאר אויך כמעט די גאנצע קאנסערוואטיווע פרעסע (א חוץ די „טיימס" און „מארנינג פאסט"). אז די ליבעראלע מאסען זענען מיט לאיד דזשארדזש'ן און נישט מיט אסקוויט'ן, איז אויך שוין קלאהר.

אויך אין פארלאמענט זענען די מייסטע ליבעראלען מיט לאיד דזשארדזשען. און עס קען זיין ווען נישט דאס וואס לארד אקספארד איז פונקט איצט קראנק געווארען, וואלט שוין זיין פלאץ פערנומען א נייע ליבעראלע עקזעקוטיווע מיט מר. לאיד דזשארדזש בראש. אויס דרך ארץ צום עלטערען ליבעראלען פיהרער און צו זיין קראנקהייט, איז עס דערווייל אפגעלייגט געווארען.

„לאידזשארדזש", טענה'ן די טראדיציאנעל-ליבעראלע „אסקוויטיאנער" מיט א געוויסען אמת, איז צופיל אפארטוניסט ער יאגט זיך צופיל וואוהין דער ווינד בלאזט. צוליב פערזענליכע סטראטעגישע מאטיווען פערבויגט ער אפט זיינע פרינציפען."

דאס איז אפשר אמת, כאטש אויף וועלכען פאליטיקער קען מען עס נישט זאגען. אבער דער „אמת" האט דאך לאיד דזשארדזש'ען נישט דיסקרעדיטירט ווייזט אויס. ער לויפט וואוהין דער ווינד בלאזט, אבער דערפאר טרעפט ער בעסער ווי וועלכער עס איז אנדערער פאליטיקער „וואו דער ווינד בלאזט". און מיט דעם וואס ער ווערט לעצטענס אלץ ראדיקאלער און לינקער האט ער זיך נאר פאפולערער געמאכט ביי די ליבעראלע ענגלישע מאסען, וואס זענען נאך געבליבען.

נאך אנדערע טאקטישע עבירות געפינען די אסקוויטיאנער אויף לאיד דזשארדזש'ען. ווי למשל: ער האט א בעזונדערע פארטיי-קאסע, בעזונדערע זעהר גרויסע פאנדען כאטש די ליבעראלע פארטיי האט זיך געהאט פעראייניגט. און ווארפט מען איהם אויף, אז ער האט אמאל צעבראכען די ליבעראלע פארטיי דערמיט, וואס ער האט געזוכט די שטיצע פון די קאנסערוואטארען ווען ער איז געווען קאאליציע-פרעמיער.

אבער אויך די עולות נעמען, ווייזט אויס, נישט צו פון לאיד דזשארדזש'ס פאפולאריטעט און גיבען גארנישט צו צו אסקוויט'ס ליבעראל-אימפעריאליסטישער אנשטענדיגקייט. און אז לאיד דזשארדזש האט שוין יא א בעזונדער זעהר רייכע פארטיי-קאסע — איז עס דאך אודאי א גרויסע ציהונגס קראפט פאר פארטיי-טוהער.

לאיד דזשארדזש איז איצט, נישט-קוקענדיג אויפ'ן „חרם" — דער פאפולערסטער פאליטיקער און שטאטסמאן אין ענגלאנד. ער איז עס אייגענטליך שטענדיג געווען. מ'האט איהם אממיינסטען פיינט און אממיינסטען ליב. מ'קען בפה מלא זאגען: ס'איז נישטא איין ענגלענדער אין אלע וועגען פון לעבען און אין אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט, וואס זאל נישט קענען לאיד דזשארדזש'ס נאמען. „דזשארדזשי" — ווער קען עס איהם נישט? אט די אונגעהויערע פאפולאריטעט זיינע שטאמט נאך פון זיינע אלטע ראדיקאלע „לייםהויז רעדעס" און פון זיין פרעמיערשאפט בשעת'ן קריג. ער איז דער פאפולערסטער פאליטיקער אין ענגלאנד. ער איז פון די „מזל'דיגע" פערזענליכקייטען, וועלכע קענען אריינדרינגען אין די פינסטערסטע ווינקלען פונ'ם פאלקס לעבען און וועלכע פערקערפערען און סימבאליזירען אין זייער פערזאן — פאליטיק און שטאטסמאנשאפט.

עס קען זיין, אז עס זענען דא נאך אזעלכע פערווארפענע ווינקעלעך אין ענגלאנד וואו מען גלויבט נאך אלץ, אז מר. לאיד דזשארדזש איז פרעמיער און אז אלץ — גוטס און שלעכטס — קומט פון איהם. אזא פאפולאריטעט האט קיינער פון די איצטיגע ענגלישע שטאטסלייט און פאליטיקער נישט דערגרייכט, אזוי פאפולער ווי לאיד דזשארדזש איז נישט באלדווין, נישט ראמזי מאקדאנאלד לארד אקספארד און לארד גרעי — אודאי און אודאי נישט.

אין געוויסע בעזונדערע סאציאלע קרייזען זענען אפשר די לעצטע מעהר רעספעקטירט, ווי לאיד דזשארדזש אבער אזוי אוניווערסאל פאפולער ווי ער — קיינער נישט. לאיד דזשארדזש האט נאך אזעלכע פערעהרער וואס גלויבען, אז ער אליין מיט זיינע פערזענליכע מעלות איז בכח צו געווינען א וואהל-קאמפאניע פאר דער ליבעראלער פארטיי.

און פארוואס זאלען מיר עס פערלייקענען: יודען האבען דאך פיל ליבער לאיד דזשארדזש ווי לארד אקספארד. פערשטעהט זיך, אז יודען האבען גארנישט קעגען לארד אקספארד, אבער טעמפעראמענטאל, אזוי צו זאגען, איז אונז לאיד דזשארדזש נעהנטער. אפשר אויך דערפאר, ווייל ער איז אזוי נאהענט פערבונדען מיט דער באלפור דעקלאראציע. אבער דער עיקר דערפאר, ווייל לאיד דזשארדזש איז דער איינציגער אפשר פון די איצטיגע ענגלישע שטאטסלייט. וועלכער האט נישט מורא ביי א געלעגענהייט צו דערמאנען א יודישען נאמען; ער איז אפשר דער איינציגער פון אונזערע אויסערליכע פריינד, וועלכער האט נישט מורא עפענטליך אפצושפעטען דעם גיפטיגען אנטיסעמיטיזם, וועלכער הערט, דאכט זיך, גארנישט אויף צו וואקסען.

אין זיינע לעצטע פאר רעדעס האט ער עס ווידער בעוויזען. זיין בילדליכער משל ווי „דער יוד ישוע הנוצרי וואלט פערפאלגט געווארען ווי א געפערליכער פרעמדער, ווען ער קומט אצינד קיין לאנדאן" איז נישט נאר אמת נאר אויך אין צייט. און זיין דערמאנען די צאריסטישע פאגראמען אין איינער פון זיינע לעצטע רעדעס אין פארלאמענט איז אויך געווען אין א צייט, ווען ס'איז אונז בעזונדער נויטיג צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון דער אייראפעאישער דיפלאמאטיע צו די פערגאנגענע טייכען יודיש בלוט און צו די פאגראם-מאכער. און נישט אלע פון די „חסידי אומות העולם" וועלען אפילו וואגען עפענטליך צו ווייזען, אז זיי זענען אונזערע פריינד.

טעטיגקייט פון העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים.

(קארעספאנדענץ פון לאנדאן צום „נייעם פאלקסבלאט").

דא איז אפגעהאלטען געווארען א זיצונג פון פערוואלטונגס-ראט פון העברעאישען אוניווערזיטעט אין ירושלים. אנוועזענד זענען געווען: ד"ר חיים ווייצמאן, דער קאנצלער פון אוניווערזיטעט ד"ר י. ל. מאגנעס, משורר חיים נחמן ביאליק, הרב הראשי פון גרויס בריטאניען ד"ר הערץ, בארון דזשעמס דע ראטשילד, פראפ. אטא ווארבורג, ד"ר סטעפען וויז, הרב-הראשי פון ווין פראפ. חיות, ד"ר אידער, נארמאן בענטוויטש, פראפ. ש. בראדעצקי, פראפ. ל. ס. ארנשטיין, פראפ. י. הארוויץ, פראפ. האדאמארד, פראפ. ע. לאנדא, ד"ר ראטנאוו, ד"ר קאלינסקי, ד"ר מ. שלעזינגער, ד"ר ע. ליבמאן, ע. פרידמאן, ש. גינזבורג און ל. קאהן. דער קאנצלער פון אוניווערזיטעט דר. מאגנעס האט אפגעגעבען א טעטיגקייטס-בעריכט פאר'ן אפגעלאפענעם לערן-יאהר. פונ'ם בעריכט איז צו זעהן, אז אין משך פון פערגאנגענעם יאהר זענען אינ'ם יודאיסטישען אינסטיטוט ביים העברעאישען אוניווערזיטעט פארגעקומען פראקטישע איבונגען איבער דער היסטאריע און פילאלאגיע פון משנה און גמרא, ווי אויך פארלעזונגען וועגען דער עפאכע פון די גאונים. געשיכטע פון יודישען מיסטיציזמוס, יודישע ציוויל-רעכט און איבער ארץ-ישראל געאגראפיע. די צאהל ארדענטליכע צוהערער פון אינסטיטוט בעטרעפט 60 פערזאן. אין דער אראבישער אפטיילונג פון אריענטאלישען אינסטיטוט האט פראפ. הארוויץ געהאלטען פארלעזונגען אין חודש מערץ ה. י. איבער די ווערק פון אראבישען געלעהרטען גאהיג און אנדערע אראבישע וויסענשאפטליכע ווערק. בעת דעם זומער-סעמעסטער זענען פארגעקומען פארלעזונגען און סעמינאר-איבונגען איבער דער איסלאמישער פילאזאפיע, אראבישער ליטעראטור, איסלאמישער קונסט און ארכעאלאגיע. דער כעמישער אינסטיטוט האט דורכגעפיהרט מיט ערפאלג פיל פארשונגען. די נייע אפטיילונג פאר היגיענע, וועלכע געפינט זיך אונטער דער אנפיהרערשאפט פון פראפ. קליגער, וועט זיך פערנעמען מיט פארשונגען פון עפידעמיעס און היגיענע און ארגאניזירען קורסען איבער פאלקס-געזונדהייט. עס זענען שוין געמאכט געווארען הכנות איינצוארדנען א נאטורוויסענשאפטליכען אינסטיטוט. עס זענען שוין אויסגעפערטיגט געווארען די פלענער פון בנין פאר'ן מאטעמאטיש-פיזישען אינסטיטוט אויפ'ן נאמען פון לארד באלפור און פראפ. איינשטיין. די נאציאנאלע ביבליאטעק האט, א דאנק די „געזעלשאפט פון פריינד פון העברעאישען אוניווערזיטעט", וועלכע איז געגרינדעט געווארען אין פערשידענע לענדער, בעקומען זעהר פיל נייע ווערק אין אלע געביטען פון דער וויסענשאפט און ליטעראטור. מיט א קורצער צייט צוריק איז געלעגט געווארען דער גרונדשטיין פון נייעם ביבליאטעק-בנין, וועלכער וועט אויפגעשטעלט ווערען מיט דער שטיצע פון דוד וואלפסאנ'ס ירושה-פאנד. עס איז צוהאפען, אז אין א גאנץ קורצער צייט וועלען שוין פערטיג זיין די פארבערייטונגען פון דער צענטראלער געביידע פאר דעם אוניווערזיטעט. די אלמנה פון פערשטארבענעם אמעריקאניש-יודישען פילאנטראפ ר. ראזענבלום האט צום אנדענקען פון איהר מאן מנדב געווען 500,000 דאלאר פאר דעם העברעאישען אוניווערזיטעט.

נאך א קורצער דיסקוסיע איבער דעם בעריכט פון ד"ר מאגנעס אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט ד"ר ווייצמאן, ד"ר אידער, ראבינער ד"ר הערץ, פראפ. הארוויץ, פראפ. ארנשטיין, פראפ. האדאמאר און פראפ. בראדעצקי איז געוועהלט געווארען א קאמיסיע מיט דער אויפגאבע דורכשטודירען די פארשלאגען און וואונשען, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארען אין פערלויף פון דער דיסקוסיע. (י.ט.א.)

יודישע נייעס.

דער רושם פון זאנגווילס טויט אין מאסקווע.

מאסקווע. (י.ט.א.) די יודישע קהלה אין מאסקווע האט אויפגענומען מיט טרויער די ידיעה וועגען ישראל זאנגווילס טויט. אין די נאהענטסטע טעג וועט איינגעארדענט ווערען א ספעציעלער הזכרה-אווענד.

די האקענקרייצלערישע פראפאגאנדע אויף פאסט-בריף.

בערלין. (י.ט.א.) דאס „איזראעליטישע פאמיליענבלאט" טיילט מיט: א האקענקרייצלער אין גרויסדפהרמדארף האט אויף א בריף, אדרעסירט צו די נאציאנאל-סאציאליסטישע גרופע אין דרעזען, אנגעקלעפט א ספעציעל-געדרוקטען צעטעל מיט פאלגענדען אינהאלט: די יודען מוז מען פערבאטען צו האנדלען, ווייל זיי זענען שווינדלער, פונקט ווי מען פערבאט צו ארבייטען א גאלדשמיד, וועלכער ארבייט אויס פאלש גאלד. די יודען זענען ווי א מחנה קראהען, וועלכע פרעסען אונזערע לייבער. דער פאסט-אמט האט דעם בריף צוריקגעשיקט מיט דער אמטליכער בעמערקונג: „אויפקלעבען דעם צעטעל אונדערלאזבאר. צוריק צום אפזענדער".

Dr. med. H. LUBICZ
צענעלניאנא 43, טעל. 41-32.
ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. 1839
היילונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל). נעמט אן פון 9—11 און פון 5—8 אוונט.

Dr. med.
EYCHNER Jakób
Aleja 1-go Maja 16, Tel. 11-24
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.
נעהמט אן פון 6—7, זונטאג פון 3—4.

Dr. L. LEWITAN
נעהמט אן אין דערהיים פון 4 ביז 6 אוונט צו קליניק-פאציענטען. לאדז
גדאנסקא 31.

נײַער פאָלקסבלאַט
11. אויגוסט 1926.

דאָס לאָדזער לעבען

נײַער פאָלקסבלאַט
11. אויגוסט 1926.

ד״ר בערנאַרד קאַהאַן אין לאָדז.

ער האָט זיך בעקענט מיט דער טרויעריגער לאַגע פון די יודישע אַרבייטער, האַנדווערקער און קליין-הענדלער. - ער איז ענטציקט פון דער אַרבייט פון רעטונגס-קאָמיטעט.

(–) נעכטען איז קיין לאָדז געקומען ד״ר בערנאַרד קאַהאַן, דער דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין אייראָפּע. ביים וואָקזאַל האָבען איהם אָפּגעוואַרט די ה״ה ב. וואַקס, ד״ר גאָלדמאַן און רומקאָווסקי.

ד״ר קאַהאַן איז געקומען אין דער בעגלייטונג פון די ה״ה גוטערמאַן און שמויש. פאַרמיטאָג האָט ער בעזוכט די באַנק אויף פּיעטריקאָווער 43, די האַנדווערקער-באַנק (פּאָלודניאָוואַ 4), דעם רויה-שטאָף-קאָאָפּעראַטיוו פון די שטריקער-מייסטער (פּאָלודניאָוואַ 4), „טאָז" און דעם רעטונגס-קאָמיטעט.

אין דער

האַנדווערקער-באַנק

האָט זיך פערזאַמעלט די גאַנצע פערוואַלטונג. ה׳ אָרדינאַנס האָט אָפּגעגעבען דעם בעריכט פון דער באַנק-טעטיגקייט און אָנגעוויזען, אַז בעת פאַר׳ן קריג זענען אין לאָדז געווען 12 קאָאָפּעראַטיווע בענק מיט אייגענעם קאַפּיטאַל פון 150 טויזענד רובל און מיט $1^1/_2$ מיליאָן רובל וקלאַדען, זענען איצט געבליבען בלויז די דיסקאָנטאָ-באַנק פאַר די מיטעלע סוחרים אויף פּיעטריקאָווער 43 און די האַנדווערקער-באַנק, וואָס בעדינט אויך די קליין-הענדלער. די באַנק האָט 904 מיטגלידער, וואָס האָבען איינגעצאָהלט דעם פולען פּאַי-קאַפּיטאַל. די צענטראַלע קאָאָפּעראַטיווע באַנק אין וואַרשא קרעדיטירט די האַנדווערקער-באַנק מיט 65.000 זל. פאַר יולי זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 124 הלואות אויף 509 וועקסלען אויף דער אַלגעמיינער סומע פון 44.735 זל. פון 100 ביז 500 זל. פאַר אַ מיטגליד. די באַנק האָט אויך אַנלאַגען אַנ׳ערך 28,000 זל.

דאָזאָר האָזמאַן האָט דאַן אין נאָמען פון דער האַנדווערקער-פראַקציע אין קהלה בעגריסט דעם גאַסט און געדאַנקט איהם אין דער ערשטער רייה פאַ" דער צוגעשיקטער פסח-שטיצע און פאַר דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס ס׳ווערט געשענקט די האַנדווערקער. ער ווייזט אָן, אַז די האַנדווערקער, וואָס בילדען אַ דריטעל פון דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג, ווילען נישט קיין נדבות זיי בעטען ביי זייערע ברידער שטיצע, אַז זיי זאָלען זיך קענען שטעלען אויף די פיס. היינט צום טאָג קאָן די דאָזיגע שטיצע זיך אויסדריקען אין קרעדיטען.

ד״ר קאַהן ענטפערט דאַן אויף דער בעגריסונג. ער ערקלערט, אַז דער „דזשאָינט" אינטערעסירט זיך מיט לאָדז, אַלס מיט דעם האַרץ, און דעם אַקטיווען און פּראָדוקטיווען צענטער פון יודישען קבוץ אין פּוילען, און וועט לויט כוחות און מעגליכקייטען קומען צו הילף. מ׳דאַרף זיך נאָר נישט איינגאַנצען פערלאָזען אויף אויסערליכער הילף, מ׳דאַרף אויך אַליין זיין אַקטיוו. ער איז דעריבער זעהר צופרידען פעסטצושטעלען, אַז די לאָדזער האַנדווערקער זענען אַקטיוו אויפ׳ן געביט פון זעלבסט-הילף.

נאָכדעם זענען די פערזאַמעלטע אַריין אין

רויה-שטאָף-קאָאָפּעראַטיוו

פון די שטריקער-מייסטער. דער פאָרזיצער פון קאָאָפּעראַטיוו האָט געגעבען ערקלערונגען.

פאַר׳ן קריג זענען אַלע שטריקער-פאַבריקאַנטען געווען גענוג רייך. היינט זענען זיי פעראָרימט געוואָרען, אויף אויסצואַרבייטען איז נויטיג 12–15 פאַר-בען גאַרן, אַ פעקעל גאַרן קאָסט 12–13 דאָלאַר, אַזוי אַרום מוז יעדער האָבען דעם מינימום אין רויה-מאַטעריאַלען ביז 200 דאָלאַר. אַ חוץ דעם פאָרעם פון אויסגעאַרבייטעטע סחורה, קיין קרעדיט אויף רויה-שטאָפען איז נישטא, האָבען די שטריקער-פאַבריקאַנטען, געעפענט אַ קאָאָפּעראַטיוו. דאָרט ווערט פערקויפט גאַרן נישט גאַנצע פעקלעך און יעדער קען זיך קויפען צו הורט-פרייזען וויפיל ער האָט נויטיג.

נאָכ׳ן שלוס-וואָרט פון ה׳ אָרדינאַנס האָט ד״ר קאַהן איינגעשריבען זיין נאָמען אין גאָלדענעם בוך פון האַנדווערקער-ראַט און איז אַוועקגעפאָהרען

אין „טאָז".

דאָרט איז דער גאַסט אויפגענומען געוואָרען דורך ד״ר גאָלדמאַן, אַדוו. באָרונסקי, און ה׳ שוואַלבע. ד״ר קאַהן האָט זיך אינטערעסירט מיט דער פילזייטיגער טעטיגקייט פון דער סימפּאַטישער געזעלשאַפט, האָט זיך פענאַנדערגעפרעגט וועגען פערשידענע איינאָרדנונגען, וועגען די זומער-קאָלאָניעס, וועגען דער נייער היים, וואָס ווערט איינגעאָרדנעט פאַר שול-קינדער א. א. וו.

נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען אויספיהרליכע ערקלערונגען פון ד״ר גאָלדמאַן און ה׳ שוואַלבע, האָט זיך ד״ר קאָהן פאָטאָגראַפירט צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע פון „טאָז" און איז אַוועקגעפאָהרען אין רעטונג-קאָמיטעט וואו ער האָט אויפגענומען אַ רייה דעלעגאַציעס:

יתומים-קאָמיטעט, רייזענדער-פעראיין, באַנק ביים סוחרים-פעראיין (פעפר. 41), קליינהענדלער-פעראיין (אָגראָדאָוואַ 10) און אַנדערע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, פרויען-שוץ-פעראיין, אוזדראָוויסקאָ, לוין-וועבער, קליינהענדלער-פעראיין (זאַוואַדזקאַ 5).

די דעלעגאַציע פון

רייזענדער-פעראיין

האָט צוז. אנד- פאָרגעשלאָגען אַ אינטערעסאַנטען פּראָיעקט. צווישען די 500 לאָדזער רייזענדע געפינען זיך העכער 300, וואָס האָבען נישט אויף קיין הוצאות אַרויסצופאָהרען אין דער ווייטער וועלט. דער פעראיין פּראָיעקטירט צו שאַפען אַ קאָאָפּעראַטיוו, ס׳זאָלען אַרויסגעשיקט ווערען אַ 50 רייזענדע. די הכנסה זאָל געהן אין דער אַלגעמיינער קאַסע, פון וועלכע ס׳וועלען אויסגעהאַלטען ווערען אַלע מיטגלידער. צו דעם צוועק פערלאַנגט דער רייזענדער-פעראיין אַ הלואה פון 5.000 דאָלאַר, וואָס וועט אין אַ יאָהר אַרום אָפּגעצאָהלט ווערען. וועגען דעם פּראָיעקט איז שוין מיט אַ צייט-צוריק צוגעשטעלט געוואָרען אַ מעמאָריאַל. ד״ר קאַהאַן האָט צוגעזאָגט דעם פּראָיעקט פאָרצושטעלען אין ניו-יאָרק.

אין נאָמען פון די קליינהענדלער (זאַוואַדזקאַ 5) האָבען די ה״ה מ. קירשענבוים און י. גאָלדבערג פערלאַנגט אַ סובסידיע אָדער אַ הלואה פאַר אַ באַנק. ד״ר קאַהן האָט זיי אָפּגעשיקט צו דער צענטראַלער קאָאָפּעראַטיווער באַנק אין וואַרשאָ.

אין קולטור-אַמט.

אַ לענגערע קאָנפערענץ האָט ה׳ קאַהן אָפּגעהאַלטען מיט די פערטרעטער פון קולטור-אַמט. די דעלעגאַציע איז בעשטאַנען פון די ה״ה עדעלמאַן, זילבערבערג און שאַפּיראָ.

נאָכדעם ווי ה׳ עדעלמאַן האָט געגעבען אַן אַלגעמיינעם איבערבליק איבער דער לאַגע פון די יודישע אַרבייטער אין לאָדז, האָט ה׳ שאַפּיראָ איבערגעגעבען די לאַגע אין בעזונדערע פאַכען. צווישען די העכער 18 טויזענד יודישע אַרבייטער און אָנגעשטעלטע זענען פאַרהאַן 70 60 פּראָצ אַרבייטסלאָזע. זיי געניסען נישט פון די מלוכה-אונטערשטיצונגען פאַר אַרבייטסלאָזע, ווייל זיי זענען ס׳רוב געווען בעשעפטיגט אין קליינע אונטערנעהמונגען. פון די העכע 2.000 יודישע אַרבייטסלאָזע אָנגעשטעלטע געניסען איצט קוים 200 פון די רעגולערע אונטערשטיצונגען, די רעשט געניסט פון די דרינגענדע אונטערשטיצונגען, וועלכע ווערען פערטיילט דורכשניטליך 1 מאָל אין 3 חדשים. זיי בעטרעפען 45 זל. פאַר אַ פריילייריגען, 65 זל. פאַר אַ פערהייראַטען און 85 זל. פאַר מענשען, וואָס האָבען קינדער. אין דער סאַמע לעצטער צייט איז די אַרבייטסלאָזיגקייט ביי די טעקסטיל-אַרבייטער געפאַלען אויף 30 פּראָצ. ערגער איז די לאַגע אין דער בעקליידונגס-בראַנזשע, דאָרט האָט זיך נאָך דער סעזאָן נישט אָנגעהויבען, און ס׳זענען אַרבייטסלאָז 90 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָהל אַרבייטער. אָבער אפילו דער סעזאָן האָט פסח-צייט געדויערט 2 חדשים אַנשטאָט ווי געוועהנליך-4 חדשים און האָט נישט בעשעפטיגט אַלע אַרבייטסלאָזע. שווער איז אויך די לאַגע אין לעדער-פאַך און אין האָלץ-פאַך, וואו ס׳הערשט אַ כראָנישע אַרבייטסלאָזיגקייט. צו די דאָזיגע געהערען אויך די טראַנספּאָרט-אַרבייטער, טרעגער א. אנד. וואָס הגם זיי זענען בעשעפטיגט, אָבער פערדינען קוים 20 פּראָצ. פון זייער נאָרמאַלען פערדינסט. בעסער אַביסעל איז די לאַגע אין די פאַכען פון פליש, בעקער, קעלנער און דרוקער, וואו די אַרבייטסלאָזיגקייט רערגרייכט 25 – 20 פּראָצ.

דער קולטור-אַמט האָט געפיהרט אַ הילפס-אַקציע פאַר די נויט-בעדערפטיגסטע. ס זענען אדורכגעפיהרט געוואָרען 3 שפּייז-אַקציעס: 852 פעקלעך שפּייז צו 8 זל.; 1599 צו 9 זל. און 1205 פעקלעך צו 8 זל.

דער קולטור-אַמט גיט אויך אַרויס אומזיסטע מיטאָגען פון 15 סעבראַר ביז סוף אַפּריל זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען 8,528 מיטאָגען, אין מאַי — 9 567; אין יוני 21,451 און אין יולי — 29 528 מיטאָגען. די דאָזיגע אַקציע צוזאַמען בעטרעפט 54,417 זלאָטעס. די צאָהל מיטאָגען איז געווען אומגעהייער קליין. נאָכדעם ווי ס׳האָט זיך אַ ביסעל פערקלענערט די אַרבייטסלאָזיגקייט, איז דער אַבדראַנג געוואָרען אַ קלענערער, אָבער אפילו איצט קען מען נישט בעפרידיגען קיין העלפט פון די נויט-בעדערפטיגע. די קאָנטראָלע, וועלכע איז איצט אַדורכגעפיהרט געוואָרען האָט דערגעבט אַנ׳ערך ביי 5 פּראָצ. צו פערקלענערען, אָדער אָפּנעהמען די מיטאָגען. אין פיל פאַלען איז מען געווען געצוואונגען זיי צו פערגרעסערען. אַ מיטאָג בעשטעהט פון אַ זופּ מיט אַ $^1/_2$ פונט ברויט און קאָסט 40 גר.. ווי די קאָנטראָלע האָט פעסטגעשטעלט זענען אין זעהר פיל פאַלען די דאָזיגע מיטאָגע געווען די איינציגע שפּייז פון ם אַרבייטסלאָזען.

ה׳ זילבערבערג האָט ערגענצט העגען די טעקסטיל-אַרבייטער: אין יולי, אויגוסט און סעפּטעמבער אַרבייטען זיי ביי וויגאָניע-טיכער אויף האַנד-שטוהלען און פערדינען פון 28 – 24 זל. א וואָך. אין די שטעדטישע אינסטיטוציעס און ביי די עפענטליכע אַרבייטען זענען די יודען כמעט נישט בעשעפטיגט. אַזוי אַז ווען ס׳איז איצט פאָרגעקומען דער שטרייק פון די אָנגעשטעלטע אין די שטאָדטישע אינסטיטוציעס, טראַמוואַיען גאַזאָווניע א. א. וו. האָט עס די יודישע אַרבייטער גאָרנישט אָנגערירט.

ד״ר קאַהן האָט זיך זעהר אינטערעסירט מיט דעם איבערבליק און ציפערן, האָט זיך אַלס פּראַקטיקער [illegible] און נצראַנקט די דעלעגאַציע פאַר׳ן אינטערעסאַנטען בעריכט.

אין אָוועגד איז אונטער׳ן מאָרויק פון ה׳ ב. וואַקס פאָרגעקומען א פּלענאַרע זיצונג פון רעטונגס-קאָמיטעט. אויף וועלכער ד״ר קאַהן האָט אויסגעדריקט זיין ענטציקונג און האָט מסכים געווען אויסצוצאָהלען דעם לאָדזער רעטונגס-קאָמיטעט פאָראויס פאַר 3 חדשים ד. ה. 12.000 דאָלאַר. גענויער וועגען דער זיצונג-מאָרגען.

אויגוסט.
זון-אויפגאַנג 4,10
זון-אונטערגאַנג 6,57
לענג פון טאָג 14,24

11
מיטוואָך
א
אלול תרפ״ו

היינט

קומט קיין לאָדז דער נייער וואָיעוואָדע ה׳ יאַשטשאָלט.

(פּ) דער ניי-בעשטימטער לאָדזער וואָיעוואָדע ה׳ וולאַדיסלאַוו יאַשטשאָלט, קומט ענדליך היינט צופאָהרען.

דאָנערשטאָג וועט אין לאָדז פאָרקומען אַ צוזאַמענקונפט פון אַלע סטאַראָסטעס פון דער לאָדזער וואָיעוואָדזטווע, וועלכע וועלען קאָנפערירען און בעקענען זיך מיט׳ן נייעם וואָיעוואָדע.

שטיצע

איז נישט אויסגעצאָהלט געוואָרען.

דער אַרבייטסלאָזער-פאָנד מאַכט אויפמערקזאַם, אַז קיין שום אויסצאָהלונגען פאַר אינטעלעקטועלע אַרבייטסלאָזע זענען נעכטען נישט פאָרגעקומען. דער אַרבייטס-לאָזער-פאָנד וואָרענט, געגען פערשפרייטען פאַלשע ידיעות.

די מיליטער-איבונגען

פון די יאָהרגענג 1899 און 1900.

(אוּ) אין דער צייט פון 30. אויגוסט ביז׳ן 25. סעפּטעמבער ד. י. וועלען ווי בעוואוסט פאָרקומען מיליטער-איבונגען פאַר רעזערוויסטען פון יאָהרגאַנג 1899 און 1900 פון קאַטעגאָריע A, וועלכע האָבען נישט גענומען איבונגען אין יאָהר 1925

פון די איבונגען זענען בעפרייט די רעזערוויסטען: 1) וועלכע האָבען אין 1925 י. בעקומען „אַנ׳אָדראָטשעניע" ביז׳ן 1926 י., 2) וועלכע זענען בעפרייט-געוואָרען פון די איבונגען אין 1925 י. צוליב וועלכע ס׳איז קראַנקהייט, 3) רעזערוויסטען פון מיליטער-פלאָט.

די רעזערוויסטען, וועלכע דאַרפען געהן אויף די איבונגען און האָבען נאָך נישט קיין מאָביליזאַציע-קאַרטען, דאַרפען זיך מעלדען אין די געהעריגע פ.ק.או׳ס.

וועגען אָננעהמען שילער אין פּריוואַט שולען.

(אוּ) די שול-מאַכט דערמאָנט די דירעקציעס פון פּריוואַט-שולען, וועלכע פערמאָגען רעכט פון מלוכה-גימנאַזיעס, אַז זיי מוזען זיך געגוי האַלטען ביי די פאָרשריפטען וועגען אָננעהמען שילער.

אין דער פאָרבערייטונגס-קלאַס מעג מען אָננעהמען שילער אין עלטער פון 8 און אַ האַלב ביז 11 יאָהר, אין דער ערשטער קלאַס פון 9 און אַ האַלב ביז 12 יאָהר.

זאַקען-אַרבייטער

האָבען נישט פערשטרייקט.

(ב) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, האָט נעכטען געזאָלט אויסברעכען אַ שטרייק אין דער זאָקען-בראַנזשע.

נעכטען האָבען אָבער די אינדוסטריעלער מודיע געווען די אַרבייטער, אַז זיי ווילען אונטערהאַנדלען. דער שטרייק איז דעריבער אָבגעוואָרפען געוואָרען.

איבערגעפאָהרען.

(–) אויף סקווערנאַ גאַס איז דער 12-יעהריגער אַנטאָני זאַוואַדאַ איבערגעפאָהרען געוואָרען דורך אַ בריטשקע.

צים אומגליקליכען האָט מ׳ן געמוזט אַרויסרופען די מאָגאָטאָוויע, וועלכע האָט איהם אָפּגעפיהרט אין אַנגע-מאַריע-שפּיטאַל.

פּויליש-סאָוויעטישע האַנדעלס-קאַמער פּאָפּולאַריזירט דעם עקספּאָרט קיין רוסלאַנד.

(ס) די ווירטשאַפטס-אָרגאַניזאַציעס אין לאָדז האָבען ערהאַלטען אַ ספּעציעלען בריף פון דער פּויליש-סאָוויעטישער האַנדעלס-קאַמער אין וואַרשא, וועגען די בעמיהונגען פון דער קאַמער צו פּאָפּולאַריזירען די האַנדעלס-בעציהונגען צווישען פּוילען מיט רוסלאַנד.

צו דעם ציל האָט די האַנדעלס קאַמער בדעה קירצליך אַרויסצוגעבען אַ פּובליקאַציע אין דער רוסישער שפּראַך. די פּובליקאַציע וועט בעקענען רוסלאַנד מיט דער לאַגע פון דער פּוילישער אינדוסטריע און האַנדעל. אויב די לאָדזער אינדוסטריע וועט בעקומען דאָס געהעריגע אָרט אין דער פּובליקאַציע.

איינברוך-גנבה אין לאָדזער שפּירט-מאָנאָפּאָל.

אויפגעבראָכען די אייזערנע קאַסע און צוגעגנב׳עט 2,700 זלאָטעס.

(ב) אין דער געביידע פון לאָדזער שפּירט-מאָנאָפּאָל (ראַקיטשינסקאַ 25) האָבען זיך פאַריגע נאַכט אַריינגעקריגען קאַסע-ברעכער און מיט דער הילף פון זייערע „מכשירים" אויפגעבראָכען אין דער אייזערנער קאַסע אַ וואַנד.

די קאַסע-ברעכער האָבען זייער אַרבייט געטאָן פולשטענדיג רוהיג, די פענסטער פון פאָרסטער ווערען פערשטעלט מיט אַ פּלויט.

אויפרייסענדיג די קאַסע האָבען די גנבים אַרויסגענומען 2,700 זלאָטעס און אַנטלאָפען.

ערשט אינדערפריה, ווען די אָנגעשטעלטע זענען געקומען צו דער אַרבייט האָבען זיי בעמערקט די גנבה.

דער אויספאָרשונגס-אַמט, וועלכער איז באַלד אַלאַרמירט געוואָרען, האָט אַרעסטירט 2 פון די נאַכט-סטרוזשעס, וועלכע טענה׳ן, אַז זיי זענען געשלאָפען.

די ליקווידאציע פון קאנפליקט מיט די ארבייטער און בעאמטע פון די שטאטישע אינסטיטוציעס

מאגיסטראט וויל נישט צאהלען פאר דער שטרייק צייט. - טראמוואי דירעקציע געקינדיגט די שטרייק-קאמיסיע.

צוריק נארמאל.

(—) נעכטען אינדערפריה זענען שוין צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט אלע בעאמטע פון מאגיסטראט און בכלל אלע שטרייקענדע, וועלכע האבען נאך עהרנעכטען אין אווענד נישט צוריקגעגאנגען צו דער ארבייט.

פון נעכטען אינדערפריה אן זענען שוין אלע שטאטישע אונטערנעהמונגען און אינסטיטוציעס געווען נארמאל טעטיג.

ערשטע זיצונגען פון די קאמיסיעס.

(פ) אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון דער שטרייק-קאמיסיע און מיט'ן צוזאג פון וואיעוואדע, זענען שוין נעכטען פארגעקומען די ערשטע זיצונגען פון די קאמיסיעס, וועלכע פערנעהמען זיך מיט'ן בעטראכטען די פאדערונגען פון די פערשידענע קאטעגאריעס בעאמטע און ארבייטער אין די שטאטישע אונטערנעהמונגען.

אין לאקאל פון דער וואיעוואדזשטווע איז פארגעקומען די זיצונג פון דער קאמיסיע וועגען די פאדערונגען פון די אנגעשטעלטע אין די ארבייטסלאזען-ביורא'ען. ס'זענען נאכאמאל אויסגעהערט געווארען די פאסטולאטען פון די ארבייטער, וועגען: בעצאהלען פאר איבערשעה'ן, ענדערן ארבייטס-בעדינגונגען, בעוועגליכער לוין, 20 פראצ. צושלאג פאר ארבייטען אין דער גרויסער שטאט א. אנד.

די קאמיסיע וועט נאך היינט אפהאלטען א ווייטערדיגע זיצונג.

* * *

(פ) די קאמיסיע פאר שטאטישע ארבייטער און אנגעשטעלטע איז זיך צונויפגעקומען 3 א זייגער, נאר מחמת ס'איז נישט געקומען דער פארשטעהער פון מאגיסטראט, איז די זיצונג אפגעלעגט געווארען.

* * *

(פ) ס'איז אויך פארגעקומען א זיצונג פון מאגיסטראט וועגען צוגרייטען מאטעריאל פאר דער קאמיסיע וועלכע פערנעהמט זיך מיט'ן בעטראכטען די פאדערונגען פון די אנגעשטעלטע.

דער מאגיסטראט האט קודם-כל פעסטגעשטעלט, אז די ערשטע 2 פאדערונגען: וועגען בעצאהלען פאר איבערשעה'ן און וועגען ביליגע פראדוקטען – זענען שוין פון פריהער אקצעפטירט געווארען. וואס אנבעלאנגט די איבריגע פאדערונגען, ווי: צוריק איבערטראגען בעאמטע אין זייער פריהערדיגע קאטעגאריעס א. ד. גל., הענגט דאס אפ אין אינערן-מיניסטעריום. דער מאגיסטראט פון זיין זייט, וועט זיך ווענדען צום מיניסטעריום, אז די פראגען זאלען ערלעדיגט ווערען פאזיטיוו.

צום סוף האט דער מאגיסטראט בעשלאסען פאר דער צייט פון שטרייק נישט צו בעצאהלען.

צו שלאגען שטרייק-ברעכער.

(ס) עהרנעכטען אין אייענד, ווי נאר ס'האט זיך געענדיגט דער טראמוואי שטרייק, און ס'האבען זיך פערזאמעלט אין דער רעמיזע די טראמוואי-ארבייטער, כדי ארויסצופאהרען אין גאס, האבען זיי דארט געטראפען 3 טראמוואי-ארבייטער אנגע'שיכור'טע, וועלכע זענען געווען גרייט ארויסצופאהרען אין גאס אלס שטרייק-ברעכער, נאך פאר'ן פערענדיגען דעם שטרייק.

די אויפגערעגטע טראמוואי-ארבייטער האבען זיך געווארפען אויף די שטרייק-ברעכער און זיי געשלאגען ביז בלוט.

צושט די אנגעקומענע פאליציי האט געמאכט א סוף צום געשלעג.

טראמוואי-דירעקציע געקינדיגט די שטרייק-קאמיסיע.

(פ) נעכטען האט די טראמוואי-דירעקציע אפגעזאגט פון זייערע פאסטען די טראמוואי-ארבייטער, וועלכע זענען געווען מיטגלידער פון דער לעצטער שטרייק-קאמיסיע, ווי אויך דעם פארזיצער פון פעראיין פון די טראמוואי-ארבייטער.

אויסגעשלאסען די קאנטראלערן.

(פ) אויף דער לעצטער פערזאמלונג פון די טראמוואי-ארבייטער איז בעשלאסען געווארען אויסצושליסען פון פעראיין אלע קאנטראלערן און אינסטרוקטארען, ווייל זיי האבען זיך נישט אונטערגעווארפען די פעראיינס-בעשלוסען בעת דעם לעצטען שטרייק.

דאלאר.

נעכטיגער קורס אין לאדז.

אין משך פון די לעצטע טעג איז אויף דער בערזע געווען רוהיג און דער דאלאר האט זיך געהאלטען אויף אנידריגער טענדענץ.

נעכטען האט זיך דער קורס אנגעהויבען ביי 9,10-9,11. נאר ווייל ס'איז געווען א גרויסע צאהל אפגעבער איז דער קורס געפאלען אין לאדז, אויף 9,08 – 9,09 און אין ווארשא – אויף 9,07 – 9,08.

דער אפיציעלער קורס איז דער זעלבער „באנק פאלסקי" דעקט יעדע פאדערונג.

בענעפיס און געזעגענונגס-אווענד פון ארטיסט וול. לין.

מארגען דאנערשטאג קומט פאר אין קינא „קאסינא" דער בענעפיס און געזעגענונגס-אווענד פון בעריהמטען ארטיסט וולאדיסלאוו לין. צו זיין בענעפיס-אווענד ווערט צוגעגרייט א גרויס פראגראם פון פערשידענע איבעראשונגען.

ה' לין וועט ארויסטרעטען אין א נייעם רעפערטואר, ער וועט מזכיר-נשמות זיין בעקאנטע לאדזער טיפען. אויסער דעם טרעטען ארויס א רייה לאדזער ארטיסטען.

היינט געזעגנט זיך „אזאזעל" מיט לאדז.

היינט איז דער לעצטער טאג, ווי דאס בעליבטע טעאטער ל „אזאזעל" שפילט אין לאדז.

העכער 2 חדשים האט דער עולם זיך געקוויקט מיט דער הארציגער מוזיק, לעבעדיגען ווארט, הייטערען שפיל און געזונטען הומאר, וואס האט זיך געטראגען פון דער ביהנע; העכער 2 חדשים האט דאס יודישע לאדז בעוויזען, אז אויב מ'גיט נאר עפיס גוט'ס, זענען פארהאן בעלנים אויף יודיש טעאטער.

היינט איז גלייכצייטיג די 75-טע פארשטעלונג פון „אזאזעל". ס'בלייבט צו ווינשען, אז די ליבע קינסטלער-טרופע זאל אומעטום האבען נישט קיין קלענערען ערפאלג, ווי ביי אונז, און – צוריקקומען צו אונז!

טעלעגראמען.

אויף וויפיל איז פערקלענערט געווארען די עליה אין ארץ-ישראל אין יאהר תרפ"ו.

ירושלים, (א"י.ק.ב.) אין מאי-ביולעטין פון דער א"י-דיגער ציו. עקזעקוטיווע זענען דא דאטען מכח דער עליה אין די ערשטע אכט חדשים פון תרפ"ו. עס ווייזט זיך ארויס, אז די עליה אין דער דאזיגער צייט האט דערגרייכט ביז 18,077 עולים. אין דעם זעלבען צייט-פערלויף פון פערגאנגענעם יאהר האט די עליה בעטראפען 18 225 מאן.

דערביי איז אינטערעסאנט, אז דער פראצענט פון די העברעאיש-קענער צווישען די עולים אין תרפ"ו האט אויסגעמאכט גאנצע 34%. דער פראצענטזאץ איז חל אויף אלע דריי שיכטען פון דער עליה פערמעגליכע, ארבייטענדע און קרובים.

די קאלאניזאציע-ארבייטען אין א"י.

ירושלים. (א"י ק. ב.) אין חודש מאי האבען אנגעטראפען די הוצאות פון קרן-היסוד אויף קאלאניזאציע-צוועקען אין א"י 11 000 פונט, וועלכע זענען פערטיילט געווארען אויף פאלגענדען אופן: 3.194 אויף בנינים, איבער 3.000 אויף בהמות און דאס איבריגע אויף בעוואסערונג, ארבייטס-מאשינען א. ד. גל.

דער אלגעמיינער סכום פון די הוצאות פון קרן-היסוד אויף קאלאניזאציע-ארבייטען אין די ערשטע חדשים פון תרפ"ו בעטרעפט 173.000 פונט שטערלינג.

24,000 פונט פאר געזונדהייטס-צוועקען.

ירושלים. (א"י ק.ב.) אין משך פון די ערשטע 8 חדשים אין יאהר תרפ"ו האט דער קרן-היסוד אויסגעגעבען מעהר, ווי 24.000 פונט שטערלינג אויף געזונדהייטס-ארבייט אין ארץ-ישראל. פון די דאזיגע סכומים זענען 13.000 פונט פערוועגדעט געווארען דורך „הדסה" און איבער 11.000 פונט דורך דער קופת-חולים פון דער „הסתדרות העובדים" און דורכ'ן "מזרחי".

א 16-יעהריג יודיש יונגעל איינגעהילט אין א שרעקליכען סוד.

ווארשא, 10. (טעלעפאניש) פאר'ן ווארשאווער רבינאט האט זיך ענטפלעקט איינע פון די שווערסטע וואונדען אין אונזער ספעציפיש יודישען לעבען.

עס איז א געשיכטע מיט א 16-יעהריגען יונגערמאן וואס ווייסט נישט, ווער עס זענען זיינע טאטע מאמע, ווער ער איז און פון וואנען ער שטאמט.

בעת ער - יודעל, הייסט ער - איז אלט געווען 4 יאהר, דאס איז געווען אין יאהר 1914) און האט זיך געפונען אין בענדין ביי א יוד, וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, איז געקומען א יונגערמאן משה פאכאלסקי, וועלכער האט יודלען דערקענט אלס זיין שוועסטערס א קינד און איהם מיטגענומען מיט זיך קיין ווארשא.

אין ווארשא האט איהם, משה פאכאלסקי אפגעפיהרט צו זיין מייסטראווע, א געוויסע פרימע מוראוויעץ, פון דארט האט מען איהם אוועקגעפיהרט צו זיין באבען אין א דארף אריין און שפעטער האט מען איהם עפיס צוריקגעפיהרט ביז ער איז אנגעקומען אין בית-יתומים אויף אגראדאווא גאס. דאס אלץ געדענקט נאך דער איצט 16-יעהריגער בחור, ווי דורך א חלום.

איין זאך נאר געדענקט ער אבער אויף זיכער: אז משה פאכאלסקי האט איהם אפגענומען אין בענדין ביי א שוסטער וואס האט נישט געהאט קיין קינדער, און גענומען האט ער איהם דערפאר, ווייל דער בענדינער רב האט צו איהם משה פאכאלסקי'ן, געשריבען, אז עס געפינט זיך אין בענדין א קינד מיט'ן נאמען יודעל פאכאלסקי.

פון וואנען יודעל האט זיך בכלל גענומען קיין בענדין, און ווער האט איהם אפגעגעבען צום בענדינער שוסטער, – ווייסט ער נישט. ער געדענקט בלויז, אז ער האט שטארק נישט געוואלט געהען צום פעטער משה פאכאלסקי און אז אויך דער שוסטער האט נישט געוואלט איהם אוועקגעבען. אויך געדענקט יודעל, אז ער האט אמאל גערעדט דייטש. פארוואס עפעס דייטש – ווייסט ער נישט. ביים שוסטער אין בענדין האט מען גערעדט יודיש און נישט קיין דייטש.

יודעל פיהלט, אז פאכאלסקי דרעהט מיט איהם, אז עפיס בעהאלט ער אויס פאר איהם – אפשר בעהאלט ער א שרעקליכען סוד?..

ער איז חושד, אז פאכאלסקי ווייסט יא, ווער עס זענען זיינע עלטערן, נאר ער וויל בכיון נישט אויסזאגען - אפשר לוינט עס אזוי...

די רבנים הערען-אויס איינע א פרוי פרומע מוראוויעץ און אויך דעם ה' פאכאלסקי'ן, אבער מען קאן פון זיי גארנישט ארויסבעקומען.

דערווייל געהט ארום דער 16-יעהריגער יודעל א פערביטערטער, רעדט צו די רבנים און צו זיך אליין: ווער בין איך?. ווי הייס איך?.. וואו איז מיין מאמע?..

סענסאציאנעלע געשיכטע מיט'ן דירעקטאר פון דער לאדזער קראנקען-קאסע.

ער זאל זיין בעטייליגט אין אן אפערע אין דער בידגאשטשער דיסקאנטא-באנק. – איז ער ארעסטירט אדער אנטלאפען?

(ס) נעכטען האבען זיך אין לאדז פערשפרייט קלאנגען, אז אין צוזאמענהאנג מיט די ענטדעקטע גרויסע מיסברויכען אין דער בידגאשטשער דיסקאנטא-באנק, איז אויך ארעסטירט געווארען דער דירעקטאר פון דער לאדזער קראנקען-קאסע ה' סאמבארסקי.

דיר. סאמבארסקי זאל זיין בעשולדיגט, אז צוזאמען מיט'ן דירעקטאר פון דער זעלבער באנק, סאוויצקי, איז ער בעגאנגען מיסברויכען צום שאדען פון דער באנק, אויסנוצענדיג קרעדיטען צו פערזענליכע צוועקען. די דאזיגע מיסברויכען האבען געבראכט די באנק צו א רואינע.

צוליב די דאזיגע קלאנגען, האבען מיר זיך געווענדעט צום פארזיצער פון דער לאדזער קראנקען-קאסע ה' קאלושינסקי, וועלכער האט ערקלערט, אז זייט עטליכע טעג האט ער אויך נישט קיין שום ידיעות וועגען דירעקטאר סאמבארסקי. אוב האט ה' קאלושינסקי דערצעהלט:

– פערגאנגענעם פרייטאג האט צו מיר אנגעקלינגען דורכ'ן טעלעפאן עפיס א געוויסער שאקאלסקי און אין נאמען פון דיר. סאמבארסקי האט ער ערקלערט, אז דיר. סאמבארסקי מוז תיכף אפפאהרען קיין דאנציג, ווייל די פרוי איז איהם קראנק געווארען. ביז איצט האב איך אבער וועגען דיר. סאמבארסקי נישט בעקומען קיין שום ידיעות.

פון דעם אלעם איז צו זעהן, אז דיר. סאמבארסקי'ס געהיימניספולע פערשווינדען פון לאדז, איז נאך לעת-עתה נישט אויפגעקלערט. ס'איז אויך נישט בעוואוסט, צי דיר. סאמבארסקי איז אוועקגעפאהרען, כדי אויסצומיידען אן ארעסט, אדער ער איז שוין ארעסטירט.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט פון דער בידגאשטשער באנק איצט געליטען די „באנק גאספאדארסטווא קראיאוועגא" אויף 2 מיליאן זלאטעס און אויף א גרויסער סומע אויך די „באנק פאלסקי".

לאדז וועט אזוי שנעל נישט בעקומען קיין קרעדיטען.

(ס) אויף דער ערשטער זיצונג פון מלוכה-ראט פאר שטאט-אויפבויאונג איז צווישען אנדערע אויך געווען פערטרעטען א פארשטעהער פון לאדז, לאווניק קולאמאוויטש.

אין דער דיסקוסיע האט קולאמאוויטש אנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו פערקלענערען די פראצענטען, וועלכע ס'נעהמט די ווירטשאפטס-באנק פון די קרעדיטען, וואס ווערען געגעבען אויף אויפבויאונגס-צילען.

מיניסטער קלארנער האט ערקלערט, אז דערווייל איז בעשטימט געווארען אויף דעם ציל א סומע פון 1 מיט א האלבען מיליאן זלאטעס, אזוי אז לאדז וועט פון דער סומע בעקומען נאר א זעהר קליינעם טייל.

שטופענווייז, אויף טרעפען...

א מעשה מיט 700 זלאטעס.

(ב) דער אינזשיניער קאוואלצעווסקי פון לאדז האט בעקומען די אויפזיכט איבער דער בוי-ארבייט ביי דער שוהל אין שיעראדז.

די ארבייט פון אויספערטיגען די טרעפען האט אינזש. ק. איבערגעגעבען דעם לאדזער בוי-מייסטער קראוטשיק (פאמארסקא 88).

איצט איז אנגעקומען א ידיעה, אז קראוטשיק האט גענומען ביים שיעראדזער בירגערמייסטער 700 זלאטעס אויף צו קויפען בוי-מאטעריאלען און דאס געלד האט ער פאר זיך צוגענומען.

ס'ווערט געפיהרט אן אויספארשונג.

זעלבסטמארדע.

(ב) יוזעפא שיינער (יוליושא 38) האט געפרובט בעגעהן זעלבסטמארד דורך אויסטרינקען א גרעסערע דאזע סובלימאט.

יאן ראטשינסקי האט געמאכט א כוסה מיט... אמאניאק.

אין ביידע פאלען האט די פאגאטאוויע ערטיילט די ערשטע הילף.

א שרפה אין א מיהל.

(ס) עהרנעכטען ביינאכט איז אויסגעבראכען א שרפה אין דער מיהל אין דאמביע (נעבען לאדז), וואס געהער צו סט. פאטזשיקא.

ס'זענען פערברענט געווארען תבואות און מאשינען אין דעם ווערט פון א האלבען מיליאן זלאטעס. די מיהל איז געווען פערזיכערט נאר אויף 70 טויזענד זלאטעס.

קיין מעקסיקא טאָר מען נישט עמיגרירען!

צווישען די לענדער, אין וועלכע יו־דען רייסען זיך צו אימיגרירען, פאר־נעהמט מעקסיקא אויך אַ זעהר וויכטיגען פלאַץ, מיר גיבען דאָ דערפאַר איבער די מיינונגען פון אַ יודישען כלל-טוער, וועלכער האָט לעצטענס בעזוכט מעקסי־קאָ, כדי די יודישע עמיגראַנטען זאָלען זיך נישט לאָזען מאַכען קיין גרויסע האָפ־נונגען איבער די „גליקען" אין דעם דאָזיגען לאַנד.

„די יודישע קאָלאָניזאַציע אין מעק־סיקאָ דאַרף נישט בלויז געשטיצט ווע־רען, נאָר דאַרף אַבסאָלוט אָבגעשטעלט ווערען".

די דאָזיגע מיינונג ווערט אויסגע־דריקט אין אַ בעריכט וועגען דער איצ־טיגער לאַגע פון די יודען אין מעקסי־קאָ וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרען דורך דר. מאָריס העקסטער, אַ מיטגליד פון דער אויספאָרשונג-קאָמיסיע, וואָס איז געשיקט געוואָרען קיין מעקסיקאָ אויסצופאָרשען די מעגליכקייטען פאַר יודישער אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

„קיין איינער פון יענע, וואָס וועלען שטודירען די לאַגע פון די יודישע אי־מיגראַנטען אין מעקסיקאָ, וועט נישט קענען מאַכען אַן אַנדער אויספיהר, — זאָגט ד"ר העקסטער אין זיין בעריכט — בלויז אין די מוחות פון שיף-אַגענטען און קליינע יודישע „פּאָליטיקער", קען גע־בוירען ווערען דער געדאַנק צו שטיצען די יודישע אימיגראַציע קיין מעקסיקאָ".

דר. העקסטער גיט אָן פאָלגענ־דע סיבות, פאַרוואָס יודען טאָרען קיין מעקסיקאָ נישט פאָהרען:

1) ס'פעהלט דאָרט פאַסיגע ערד, וואָס זאָל קענען בעאַרבייט ווערען אָהן שוועריגקייטען און אָהן קאָסטבאַרע בעוואַסערונג-פּראָיעקטען.

2) ס'זענען נישטאָ קיין גרויסע אינ־דוסטריעלע צענטרען אַרום די אַגרי־קולטור-געגענטען, און דערפאַר איז שווער צו שאַפען אַ מאַרק פאַר די אַגרי־קולטור-פּראָדוקטען.

3) דער באַהן סיסטעם דערלויבט נישט קיין גרינגען וועג, דורך וועלכען מ'זאָל קענען אַריבערפיהרען און פאַר־קויפען אַגרי-קולטור-פּראָדוקטען.

4) ס'איז אוממעגליך און ס'איז אַפילו אַ סכנה צו קאָנקורירען מיט די דאָר־טיגע אַרבייטער.

די איצטיגע יודישע בעפעלקערונג אין מעקסיקאָ ווערט אָפּגעשאַצט דורך דר. העקסטער אויף אַנ'ערך 10.000 פּערזאָן, דערפון בלויז 8 פּראָצענט פרויען. זייער עקאָנאָמישע לאַגע איז זעהר אַ שלעכטע. 5-4 פּערזאָן מוזען וואוינען צוזאַמען אין איין צימער; די סאַניטאַרע בעדינגונגען זענען שוידער־ליך, צוליב'ן דוחק אין דאָקטוירים און שפּיטאָלען.

דר. העקסטער לעגט פאָר אין זיין בעריכט, אַז דער קאָמיטעט צו העלפען יודישע היימלאָזע, וועלכער האָט איהם געשיקט אויסצופאָרשען די לאַגע פון די יודען אין מעקסיקאָ, זאָל אַסיגנירען אַ סומע פון 75 טויזענד דאָלאַר פאַר'ן ערשטען יאָהר הילף פאַר די יודען אין מעקסיקאָ...

די האַנדעלס-לאַגע אין לאָדז.

בוימוואָל-בראַנזשע.

הגם דער זומער-סעזאָן האָט זיך שוין געענדיגט, האָט זיך דאָך אין די לעצ־טע טעג, צוליב די וואַרמע וועטערען, פערגרעסערט די נאָכפראַגע אויף אַ טייל זומער-אַרטיקלען.

לויט ווי מען שמועסט אין די קריי־זען פון די בוימוואָל-הורטאָווניקעס, זאָל קירצליך קומען צו אַ ירידה פון די פרייזען אויף געוויסע בוימוואָל-אַרטיק־לען. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די פרייזען פון בוימוואָל אויף די אויס־לענדישע מערק זענען לעצטענס געפאַ־לען, צוליב דער גרויסער בוימוואָל-גע־רעטעניש און פּלאַנטאַציעס. ס'איז צו האָפען, אַז פריהער, אָדער שפּעטער מוז זיך דאָס אָפּשלאָגען אויף אונזער בוימוואָל - אינדוסטריע, וועלכע קאַלקו־לירט איהרע פרייזען אין דער ערש־טער רייהע אויפ'ן סמך פון די נאָטירונ־גען אויף די בוימוואָל-בערזעס.

דער מאַנופאַקטור-מאַרק געפינט זיך איצט אונטער'ן צייכען פון דעם נאָהנ־טען הערבסט- און ווינטער-סעזאָן. ביי די הורטאָוניקעס בעמערקט מען שוין פיבערהאַפטע פאַרבערייטונגען צום ווינ־טער-סעזאָן. מע, בעמיהט זיך שוין איצט אָנצופילען די פּאָליצעס מיט פרישע סחורות. מען מוז בעמערקען, אַז די פאַרבערייטונגען זענען עטוואָס פער־שפּעטיגט, ווייל נאָרמאַל האָבען זיי שוין געדאַרפט פערענדיגט ווערען, כדי צו פערשטעהן די פערשפּעטיגונג, מוז מען נעהמען אין אכט די נישט זיכער־קייט פון זומער-סעזאָן, צוליב די אָפּטע רעגענס, ערשט אין אָנהויב פון יולי, ווען די וועטערן האָבען זיך פעסטגע־סטעלט, האָט זיך איינגעגעבען די סוחרים צו רעאַליזירען די זומער זאַפּאַסען. די סוחרים האָבען ערשט ועקענט אָנהויבען צו קלערען וועגען דעם ווינטער־סעזאָן, ווען זיי האָבען בעקומען אַ בי־סעל דעקונג פאַר די זומער-סחורות.

וואָל-בראַנזשע.

אויף דעם מאַרק פון וואָל - אויסאַר־ביטונגען האָט זיך דער זומער סעזאָן שוין לאַנג געענדיגט. די בראַנזשע רע־אַגירט אָבער אַ סך שוואַכער, צוליב דעם אָנקומענדען ווינטער-סעזאָן. די קליינע טראַנזאַקציעס, וועלכע זענען דורכגע־פיהרט געוואָרען, האָבען נישט געקאָנט ענדערן דעם ספּעציעלען כאַראַקטער פון דער בראַנזשע, הגם מ'ריכט זיך אויף אַנ'אויפלעבונג מיט'ן אָנקומען פון הערבסט-סעזאָן.

די פרייזען זענען געבליבען פּרינצי־פּיעל אָהן ענדערונגען, זיי זענען עטוואָס קלענער געוואָרען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ירידה פון דאָלאַר.

דיסקאָנטאָ-מאַרק.

אויף דעם פּריוואַטען דיסקאָנטאָ-מאַרק האָט זיך לעצטענס געפיהלט אַ שטאַר־קער מאַנגעל אין וועקסעל-מאַטעריאַל. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס די גרעסטע טייל טראַנזאַקציעס ווערען לעצ־טענס געמאַכט אין מזומן. אַ חוץ דעם דיסקאָנטירען די בענק גערן ערשטקלאַ־סיגען וועקסעל מאַטעריאַל.

דער דיסקאָנטאָ-פּראָצענט האָט זיך נישט געענדערט. אַזוי ווערט געצאָהלט פאַר ערשטקלאַסיגע וועקסלען 2 ביז 2 און אַ האַלב פּראָצענט אַ חודש. פאַר עטוואָס שוואַכערע וועקסלען 3 ביז 3 און אַ האַלב פּראָצענט אַ חודש.

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט" ענטפערען אויף יורידישע אָנפראַגען, וואָס ווערען צוגעשיקט נאָר ישר־מליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.
יורידישע אָפּטיילונג
פון „נייעם פאָלקסבלאַט"

בײַם דערלאַנגען אַנ'אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה דאַרף צוגעלעגט ווערען דער קופּאָן פון דער ראַטע פון טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַריינגע־געבען. אויף אָנפראַגען אָהן קופּאָן וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

גילטיג דעם 11-טען אויגוסט 1926.

1871. אַ שט. לעז., ווסכאָדניאַ מ. ט.
1872. ל. א., פון פּראַנציסקאַנער ג.
1873. אַ שט. לעזער פון בערעק יאָסעלעוויטש 21.
1874. טעגליכער לעזער ש. ל.
1875. אַ געטרייער לעזער, שלמה.
1876. ג. פ. פון ברזשעזשינער.
1877. ח. ש.
1878. מ. ג.
1879. אַ שט. לעזער פון דלוגאַ גאַס.
1880. אַ סטודענטקע ל. מ.

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פערזענליך פערשטענדיגען מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3 ביז 4 נאָכמיטאָג אין רעדאַקציע, מיטברענגענדיג די צייטונג.

1881. אַ לעזער פון זשגאַווסקאַ גאַס.
אמת, מען טאָר טאַקע נישט האָבען קיין 2 וואוינונגען, אָבער נור אין איין אין דערזעלבער שטאָט. אויף סמך, וואָס איהר האָט אין אַנ'אַנדער שטאָט נאָך אַ וואוינונג קאָן מען אייך דאָ נישט עקסמיטירען און דעסגלייכען אויך נישט דאָרט אויפ'ן סמך פון דער היגער וואוי־נונג.

1882. אַ לעזער, אַלעקסאַנדער גאַס.
פאַר'ן געוועלב מיט 4. קאַט. פאַט. אויב דאָס גרונד דירה-געלט בעטרעפט 200 רובל, דאַרפט איהר צאָהלען פאַר'ן 2. קוו. 71.82 און פאַר'ן הייניגען קוו. 79.80, פאַר די אויסגאַבען פאַר יעדען קוו. 3.99, פאַר דער וואוינונג: ביי 100 ר' גרונד דירה - געלד פאַר יעדען קוו. פון לויפענדען יאָהר צו 28.60 און אויפ'ן חשבון פון די אויסגאַבען 3.99.

זאַל פילהאַרמאָניע

לעצטע פאָר־שטעל. אין לאָדז פון טעאַטער

„אַזאַזעל"

היינט, מיטוואָך, דעם 11. אויגוסט ד. י. 9 אָווענד - די

75-טע און לעצטע פייערליכע געזעגנונגס-פאָרשט.

אין פּראָגראַם: 20 פון די בעסטע נומערן! שלאַגער איבער שלאַגער!

פון גרויסען 1-טען, 2-טען און 3-טען פּראָגראַם!

אַכטונג! אין דער פייערליכער געזעגנונגס-פאָרשטע־לונג וועט אויפטרעטען דער רעזשיסער פון „אַזאַזעל" דוד הערמאַן

בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

קריניצא — אַ קור־אָרט פון ליבע און סקאַנדאַלען.

מען פאָהרט אַהין נישט אַזוי וועגען קוראַציע, ווי צו מאַכען אַ לעבען. — שווינדלער בע'גנב'ענען זייערע געליבטע. — אַ לאָדזער לעבע - יונג בעשווינדעלט אַ לעמבערגער יודישע פרוי, די ליבע האָט איהר אָפּגעקאָסט אַ פערמעגען.

קריניצאַ איז פון תמיד געווען בע־קאַנט פאַר אַ קור-אָרט, וואו מען קאָן זיך קורירען אויף הארץ-, מאָגען- און אַנדערע לייזען וועלכע זענען פערבונ־דען מיט די אויסגערעכענטע קראַנק־הייטען. מען האָט אויך געוואוסט, אַז מען קאָן זיך דאָ דאַביי גוט ווייל'ן און אונטערהאַלטען בשעת דער קור-צייט. מען האָט אָבער געהאַט מעהר פער־טרויען צו קאַרלסבאַד, פראַנצעסבאַד, צי מאַריענבאַד און מען איז דערום ווע־ניג געפאָהרען קיין קריניצאַ.

צוליב די שוועריגקייט, מיט וועלכע עס איז היינט פערבונדען אַ רייזע קיין אויסלאַנד, האָבען זיך די פּוילישע קור־געסט אָנגעהויבען צו געוועהנען צו אונ־זערע אייגענע קור-ערטער און מעהר פערטרויען בעקומען צו קריניצאַ און צו איהרע קוראַציע-מיטלען און וואָס דאָס וויכטיגסטע: מען האָט זיך דאָ פערמאָסטען איינצואָרדנען דאָס קור-לע־בען, אַזוי ווי מען האָט עס אַמאָל אין די „אַלטע גוטע צייטען" געפראַקטיצט ...ין קאַרלסבאַד. מען פערשטעהט טאַקע צו מאַכען אַ לעבען אין קריניצאַ אויפ'ן גרויסען סטיל.

היי-יאָהר האָבען געווילט און ווייל'ן נאָך איצט אין קריניצאַ כמעט אַלע יענע ליידענדע פון פּוילען, בפרט יודען, וואָס פלעגען פריהער יאָהר איין, יאָהר אויס פאָהרען קיין קאַרלסבאַד, אָדער מאַר־יענבאַד, אויסערדעם האָבען זיך דאָ היי־יאָהר בעוויזען אונזערע גבירים, וואָס זענען אַ הערגעקומען אַ „לעבען מאַכען".

היינט איז אין קריניצע הויך-סעזאָן. דער קור-אָרט איז איבערפולט נישט צו בעקומען אַ דירה, קיין פּלאַץ אין רעס־טאָראַציע, קיין בילעט אין טעאַטער.

פון מיטמאַכען די קוראַציע לויט די רעצעפּטען פון דאָקטאָר האַלטען די קרי־ניצער קור-געסט גאַנץ ווייניג. זיי האַל־טען אָבער דערפאַר מעהר פון ווייל'ן זיך, אונטערהאַלטען מיט איין וואָרט: פון „מאַכען אַ לעבען, ווי גאָט אין פראַנקרייך"... מען הערט דעם דאָקטאָר ווי דעם קאָטער. מען מאַכט אַזוי די קוראַציע, ווי דאָס האַרץ גלוסט, ווי עס געפעלט בעסער.

אייגצוריכטען זיך דאָס לעבען אין קריניצע פערשטעהען דאָ די יונגע פרויען, וואָס האָבען די מענער איבער־געלאָזט אין דער היים. ווער מיר דאָק־טאָר, וואָס מיר רעצעפּט. דער בעסטער דאָקטאָר איז דאָ — אַ שעהנער יונגער־מאַן און די ווירקזאַמסטע רעצעפּט איז — אַ „צופעליגע"... נאַטירליך רעדט עס זיך נאָר אַזוי, אָבער אין רוב פאַלען איז דאָס נישט גלאַט אַזוי אַ „אומשול־דיגער" ליבע-פלירט, נאָר אָפט מאָל פערענדיגט עס זיך זעהר אומאַנגענעהם, ווען אויך נישט טראַגיש..

אָט ווייל איך איך אין קריניצע קוים אַ מעת-לעת און שוין איז במשך פון דער דאָזיגער צייט פאָרגעקומען אַ סענ־סאַציאָנעלער ליבע-סקאַנדאַל מיט אַ לעמ־בערגער יודישער פרוי.

אין קריניצע געפינט זיך זייט צוויי וואָכען די יונגע, שעהנע פרוי פון אַ לעמבערגער יודישען גאָלדשמיד מיט'ן נאָמען א. ל. פרוי ל. איז אַ מאָגען-ל־ דענדע פרוי. זי האָלט עס אָבער פאַר איהרע בעקאַנטע בסוד סודות און דער־צעהלט יעדען, אַז זי איז אַהערגעקומען זיך אָביסעל „אויסרוהען"...

אין קריניצע האָט יעדע יונגע, שעה־נע פרוי „ע־פּאָלג" ביי די יונגעלייט, וואָס קומען דאָ אויס צאָהל-מעטיג דריי ביז פיר אויף איין פרוי. ווער שמועסט נאָך, אַז די פרוי האָט נאָך אַביסעל מזומן און די „קאַוואַלירען" דאַרפען אויף איהר נישט אויסגעבען קיין געלד, קאָן זי אַפילו אָנקומען צו אַ „פאַן מע־צענאַס", „פאַן קאָנסיליאַוש", אינזשיניער מאַניסטער, וכדומה.

אונזער לעמבערגער פרוי ל. איז איינע פון יענע. וואָס האָט, — ווי גע־זאָגט — אַלע מעלות, מיט וועלכע מען קען געפעלען אַ „פאַן דאָקטאָר". קיין וואונדער, וואָס אין איהר האָט זיך „פערליבט איבער די אויערען" אַ „דאָק־טאָר פון מעדיצין", מיט'ן נאָמען ווי ער האָט זיך אָנגעגעבען ל. לאַנדעס.

לאַנג האָט די ליבע נישט אָנגעהאַל־טען, ווייל קוים עטליכע שעה, באַלד איז דער „פאַן דאָקטאָר" געוואָרען אַ גאַנצער שמעלקע מיט פרוי ל., וועלכע האָט איהם איינגעלאַדען צו זיך אין פענסיאָנאַט-צימער...

ווי דערשטוינט איז געבליבען די פרוי ל., וואָס האָט מיט דעם „פאַן דאָקטאָר" שטאָלץ שפּאַצירט אַ גאַנצען טאָג אין גאָרטען פון דער ווילאַ „משעך רוזש", וועלכע איז איבערפולט מיט שעהנע יונגע פרויען, ווען זי האָט זיך צומאָרגענס אויפגעכאַפּט פון דעם זי־סען שלאָף... אויס „דאָקטאָר", דער האָהן איז אַרויס...

די מעשה איז איהר געוואָרען פער־דעכטיג. זי האָט זיך באַלד איבערצייגט, אַז ער פעהלט איהר דאָס גאַנצע ציה־רינג אין ווערט פון איבער צעהן טוי־זענד זלאָטיס און איהר גאַנץ ביסעל מזומן פון 320 זל. פרוי ל האָט גע־מאַכט אַ געוואַלד!... נאָר געה שריי חי וקים, דער „פאַן דאָקטאָר" איז נעלם געוואָרען אָהן אַ שפור, ווי אַ שטיין אין וואַסער.

די פּאָליציי-אויספאָרשונג האָט פעסט־געשטעלט, אַז אין קריניצאַ האָט טאַקי געוויילט אַ אַרצט מיט'ן נאָמען דר. לוד־וויק לאַנדוי, נישט לאַנדעס. אָבער ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט האָט דער דאָזיגער אַרצט נישט קיין שום שייכות מיט דער גאַנצער געשיכטע. עס ווייזט זיך איצט אַרויס, אַז דער „פאַן דאָקטאָר", וועלכער האָט פערפיהרט אַ „ליבע" מיט פרוי ל., כדי זי צו קאָנען בע'גנב'ענען איז אַ בעקאַנטער שווינד־לער מיט דעם נאָמען מאָשעק סטושינ־סקי פון לאָדז, וועלכער האָט זיך אין קריניצא בענוצט מיט'ן נאָמען דר. לאַנ־דוי. אויף אַזאַ אופן האָט ער בע־שווינדעלט און בע'גנב'עט פילע פרויען, וואָס קלאַמערן זיך דאָ בלויז אין פער־זאָנען מיט „מאַרקעס" און „טיטלען"...

איצט ווען די גאַנצע מעשה איז אַרויס האָבען איניגע פרויען געמעל־דעט דער פּאָליציי, אַז דער דאָזינער פערשוין האָט זיך אין זיי אויך „שטערב־ליך פערליבט" און דער עפעקט פון דער דאָזיגער הייסע ליבע איז געווען דער, אַז צומאָרגענס האָט זיי געפעהלט ציה־רינג און געלד. מען שמועסט, אַז עס זענען פאַראַן אין קריניצאַ פיל אַזעלכע שווינדלער, אָבער נאָך מעהר אַפּגע אָרטע, „פערפיהרטע" און בעשווינ־דעלטע פרויען. נור ווילען זיי דעריבער נישט מעלדען דער פּאָליציי אויס בושה אָדער גאָר אויס מורא פאַר זייערע מענער...

(ל. ט.) **מ. אַרענשטיין.**

ווי אזוי קאן מען לעבען 100 יאהר?

אינטערעסאנטע בעאבאכטונגען פון א פראנצויזישען געלערנטען.

צי פארלענגערט זיך דער דורכשניטליכער דויער פונ'ם מענשליכען לעבען צוזאמען מיט דער קולטור-ענטוויקלונג אדער פארקעהרט, ער פערקלענערט זיך? — די דאזיגע פראגען רופען ארויס אן אלגעמיינעם אינטערעס, ווארום דער אינסטינקט פונ'ם געזונדען מענשען דורשט וואס לענגער צו לעבען.

קיינער ספק'ט שוין איצט נישט, אז צוזאמען מיט'ן קולטור-וואוקס וואקסט אויך דער לעבענ'סדויער. די סטאטיסטיק פאר די לעצטע 50 יאהר האט דערוויזען, אז דער דורכשניטליכער לעבען-דויער איז בעדייטענד געשטיגען. מיט 50 יאהר צוריק האט דער מענש דורכשניטליך געלעבט סה"כ 40 יאהר, בעת איצט דערגרייכט דער דורכשניטליכער לעבען-דויער — 58 יאהר.

און די סיבה דערפון איז אן'אליין-פערשטענדליכע. צי קען מען גאר מער גלייכען די היגיענישע בעדינגונגען פונ'ם היינטיגען לעבענס-שטייגער מיט די אמאליגע? א סך קרענק וואס האבען א תל געמאכט פון מיליאנען מענשען, האט דאך די וויסענשאפט אינגאנצען אויסגעווארצעלט, וויפיל מענשען, למשל, פלעגען פערצייטענס אויסשטארבען פון די פערשידענע מינים פאקען, דיפטעריט און אנדערע קלעפיגע קראנקהייטען, וואס האבען מאסענווייז פערקירצט דעם מענשליכען לעבען. ביי די וויסענשאפט האט זיי כמעט אומשעדלאך געמאכט. למשל, דער פלעק-טיפוס, וועלכער איז ביי אונז, צום בעדויערן, נאך נישט אינגאנצען אויסגעראטעט געווארען, וויסען שוין נישט פון איהם א גאנצע רייהע קולטורעלע לענדער.

פערשטעהט זיך, אז וואס קולטורעלער, געזונדער און ציכטיגער דער באדען ווערט, אלץ לענגער דויערט דאס לעבען.

וויפיל קען אבער דער מענש לעבען בכלל?

— דער מענש קען לעבען 100 יאהר — אזוי איז די אלגעמיינע מיינונג. הונדערט-יעהריגע זקנים זענען אבער נישט קיין זעהר אפטע דערשיינונג. ווי אזוי-זשע מאכט מען, אז דער מענש זאל אויסלעבען זיינע הונדערט יאהר?

אן'אינטערעסאנטען ענטפער גיט דעריויף א פראנצויזישער דאקטאר, וואס האט אין משך פון א סך יאהרען אויסגעפארשט דאס לעבען פון די „הונדערטס-יעהריגע".

די הונדערטיעהריגע זקנים טרעפען זיך אפטער צווישען דער ווייסער ראסע, ס'זענען אבער פארהאן הונדערט-יעהריגע אויך צווישען די רויט-הויטיגע פעלקער.

אינטערעסאנט איז, אז ס'רוב הונדערטיעהריגע זענען פרויען.

צווישען די הונדערטיעהריגע האט דער פ'אנצויזישער געלערנטער געטראפען מענשען פון פערשידענע סאציאלע קלאסען. ס'רוב פון זיי זענען אבער געווען נישט קיין פערמעגליכע, און אפילו ארימע. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פויערים, וועלכע לעבען אין דארף, אדער אין קליינעם שטעדטעל. זיי לעבען רוהיג און ארבייטען נאכאנאנד, זיי פיהלען זיך גאנץ גוט און געזונד, קלאגען זיך נישט אויף'ן אפעטיט, שלאפען נארמאל א. ד. גל.

דער עיקר'שט, שטרייכט אונטער דער פראנצויזישער דאקטאר, אז די דאזיגע זקנים עסען גאנץ געוועהנליכע שפייז, קיינמאל נישט איבערכאפענדיג די מאס. זיי „פרעסען" קיינמאל נישט, געבראוכען נישט קיין ספירט משקאות, טרינקען אינגאנצען נישט, אדער זעהר זעלטען קאווע און טעע. דער מאגען איז ביי זיי שטענדיג נארמאל. פון שטענדיגער ארבייט זענען די מוסקולען ביי זיי געווארען פעסט און שטארק.

דער געלערנטער דערצעהלט אויך, אז די הונדערט-יעהריגע זקנים, וואס איהם איז אויסגעקומען צו בעאבאכטען, זענען געווען אויך גייסטיג נארמאל; זייערע פעהיגקייטען זענען נישט אפגעשוואכט געווארען. אדרבה זיי פיהלען א גרויסען אינטערעס צום לעבען, א סך פון זיי חלום'ען וועגען נייער ארבייט, ווי זיי וואלטען נאך יונג געווען.

און דער טויט זייערער איז אויך א „נארמאלער", דאס פאלק זאגט, אז „זיי געהען אויס ווי א ליכט".

און דער געלערנטער מאכט אזא אויספיהר פון זיינע אויספארשונגען: כדי דער מענש זאל דערלעבען צו די הונדערט יאהר, דארף ער קודם כל פיהרען א געלאסען לעבען, נישט ווערען פעט, שטענדיג ארבייטען, האבען א שטענדיגען אינטערעס צו זיין ארבייט און שטענדיג שטרעבען צו דערגרייכען דעם ציל, וואס ער האט זיך געשטעלט.

רעיעל און ביליג!
דעם גרעסטען אויסוואהל פון
שטיהל געבעטע
פון אייגענער טישלעריי.
פערש. פאסונען, אויך באפעציעלע-ארבייט,
מאטראצען, האזעטקעס און אטאמאנעס.
רעפעראטורען צו ביליגע פרייזען.
איז נאר צו בעקומען ביי
ג. לעווקאוויטש, לאדז,
פולנאצנא 5, אין דויף, רעכטס.
קומט און איבערצייגט אייך! קומט און איבערצייגט אייך!
רעיעל און ביליג!

פאריזער פרויען פריהרען היינטיגען זומער.

די מאדע הייסט טראגען לייכטע קליידער און די וועטערען זענען קאלטע

(א בריף פון פאריז).

די בעריהמטע פראנצויזישע שניידער האבען זיך ארויסגעוויזען היינטיגען סעזאן פאר זעהר שלעכטע וועטער-נביאים. זיי האבען פערברויכט פאר די פריהלינגדיגע און זומערדיגע קליידער אלע לייכטע לופטיגע שטאפען, אבער דעם גאנצען מאי האט געהערשט א ווינטערדיגען וועטער און אין יוני זענען געווען מעהר קיהלע מריהלינגס-טעג ווי הייסע זומער-טעג.

דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז בשעת יעדע פרוי אין פאריז, וועלכע טוט זיך אן לויט דער מאדע, האט א גאנצען זאפאס פון שיפאן-קליידער, דזשארדזשעט-קליידער און קליידער פון זיידענע קרעפ, האט זי אייגענטליך געטראגען מעהר וואלענס ווי זיידענס, און מען האט ביז שפעט אין סעזאן געטראגען אומגעהויער פיל פוטערנע מאנטלען. דאס לאנגזאמע קומען פון פריהלינג און זומער האט דערפאר געבראכט אין פאדערונג די פערשידענסטע סארטען פון לייכטע וואלענע מאטעריאלען.

אין פאריז ווערט איצט געטראגען זעהר פיל וואלענע „רעפס" און אנדערע וואלענס. די ענגלישע פרויען האבען א שוואכקייט צו שעוויאט און „טווידס" אבער הגם די „טווידס" זענען זעהר פיין און דין געוועבט, ווערען זיי גארנישט געברויכט פון די פראנצויזען. עס מאכט דעם איינדרוק, ווי יעדע פראנצויזין אין פאריז וואלט געהאט א קאסטיום פון וואלענע „רעפס", און אומעטום זעהט מען דעם איינפאנגענעהטען לאנגען מאנטעל און דעמזעלבען מאטעריאל.

זיגט טוגקעל בלוי איז ווידער שטארק אריין אין דער מאדע, זעהט מען מעהר אין גאס די פיין-געטעדימטע שטאפען פון דעם דאזיגען קאליר.

מען רעדט אין פאריז א סך וועגען סאטין. אבער די פראנצויזין בלייבט טריי צו די פערשידענע מינים פון זיידענע קרעפ.

אבער א מאטעריאל, פון וועלכען די פאריזערין ווערט, ווייזט אויס, קיינמאל נישט מיד, איז קרעפ-דע-שין, אין די סאלידע קאלירען. און זי פיהלט זיך קיינמאל נישט בעסער אנגעטון בייטאג, ווי אין א קלייד פון קרעפ-דע-שין, בעפוצט מיט האנד-ארבייט פון דעמזעלבען קאליר.

פאר דעם איינפאכען אוועגד-טואלעט, איז נאך אלץ זעהר בעליבט שיפאן און דזשארדזשעט. זיי ווערען בעצירט אפט מיט פיינער האנד-ארבייט און אמאל ווערען אין זיי אריינגעזעצט מעדאליאנען פון אן'אנדער קאליר. קליידער מיט פאטשערקעס זענען נאך אויך נישט אראפ פון מארק. די פאטשערקעס זענען מעהרסטענס אויסגעשטיקט אויף די זשארדזשעט, כאטש לעצטענס איז אפט דער הינטערגרונד פון טיול. טיול איז, פערשטעהט זיך, דינער און דורכזיכטיגער, אבער צו דער זעלבער צייט אביסעל פלאטערדיגער.

ווייסער שיפאן או ווייסע דזשארדזשעט ווערט א סך געברויכט פאר אוועגד-קליידער. דאס קענען זיך ערלויבען נאר די, וועלכע האבען צו עטליכע טואלעטען ספעציעל פאר בעלער, אזוי נישט פראקטיש איז אזא מין ווייסער טואלעט. זיי ווערען בעניהט מיט קריסטאלען, שפאנגען אדער אימיטיטע אפאלען.

פאר איינפאכע זומער-קליידער ווייזט מען אין די געשעפטען פיינע געבלומטע „קאטען"-סחורה, וואס דערמאהנט אן דעם באטיסט פון אמאליגע צייטען. מען ווייזט דארט אויך א גאנץ פראקטישע סחורה „גינאן", וועלכע זעהט אויס ווי שיפאן, אבער איז אביסעל שטייפער און ווערט נישט אזוי שנעל אבליאקירט.

ערפאלג האט אויך געקעסטעלטע זיידענס. די קליידער ווערען גלעגענט אין פאלדען אזוי, אז די קעסטעלעך זעהען אויס ווי שטרייפען. די בלוזען זענען אבער גענעהט איינמאך אהן פאלדען אזוי, אז די קעסטעלעך זאלען זיך אנזעהן.

מערי מארשאל.

אין וואלד פון לידענשאפטען.

(ראמאן).

(315

באטיאני האט זיך געיאגט, ווי א ווינד.

ער האט אראפגעשליידערט פון זיך דעם פלאשטש, און איז געלאפען מיט אלע כוחות.

אין דעם אפענעם פעלד איז נישט געווען קיין שום מניעות און ער האט זיך געטראגען פאראויס, ווי א רוח.

לויכטער איז אבער געווען שטארקער און אויסדויערדיגער פון איהם.

ער האט זיך געיאגט נאך דעם פערדעט ר, פערלויפענדיג איהם דעם וועג דא פון איין זייט, דא פון דער אנדערער זייט, כדי איהם אויסצומאטערן.

דער שטח צווישען די לויפענדע איז אבער נישט קלענער געווארען.

באטיאני איז געווען מעהר קעציש-ועשיקס ווי לויכטער. פונקט, ווי א הירש, וואס ווערט פערפאלגט פון יאגד-הינד איז ער געלאפען, און דערביי איינגעהאלטען דעם אטעם, כדי ער זאל נישט שנעל מיד ווערען.

לויכטער האט אבער בעמערקט אויף זיך אז עס פערפעהלט איהם אטעם, אז עס הויבט איהם אן צו שטיקען, און אז זיינע לונגען וועלען לאנג נישט אויסהאלטען אזא מין געיעג.

אנ'ערך פינף מינוט איז לויכטער אזוי נאכגעלאפען באטיאני'ן, און מיט פערצווייפלונג דערפיהלט, אז דער שטח צווישען איהם און דעם אויסוואורף הויבט אן גרעסער צו ווערען.

אין עטליכע מינוט ארום וועט באטיאני צולויפען צום פרייסישען לאגער, און דארט וועט ער זיך מיט דער הילף פון זיין געשיקטקייט פערמישען צווישען די זעלנער, און אזוי ארום אויך אפראטעווען זיין לעבען אפגעבענדיג זיך צו די פרייסען אין געפאנגענשאפט.

די לבנה איז ארויס פון אונטער די וואלקענס און בעלויכטען דאס אויסטערלישע בילד פון דעם אונגעהויערען געיעג, אויף וועלכען עס האבען פון דערווייטענס מיט מורא'דיגער שפאנונג געקוקט ארעלינא מיט בענסבערג'ן.

זיי האבען אויך געזעהן, אז דער שטח צווישען די לויפענדע איז גרעסער געווארען, און האבען זיך שוין אנגעהויבען צו מיאש זיין אין לויכטער'ס ערפאלג.

באטיאני האט דערוויייל טריאומפירט.

ער האט זיך אפילו אנגעטון דאס פערגעניגען פון קוקען אויף צוריק פון צייט צו צייט, און עפיס צו שרייען.

ער איז געווען איבערצייגט, אז גהינום-כוחות קומען איהם איצט צו-הילף, און ער האט געהאפט, אז זיי וועלען איהם ראטעווען.

ער האט פערדאפעלט דעם אימפעט, כדי שנעלער צוצולויפען צום פרייסישען לאגער, וויסענדיג שוין פאראויס, אז ס'איז פאר איהם א סך גלייכער אריינצופאלען צו די פרייסען איידער אין די הענד פון די פראגער נקמה-נעהמער.

פלוצים אבער איז ער געבליבען שטעהן, ווי א געליימטער.

זיין פנים איז אויסגעקרימט געווארען פאר פחד.

ער האט דערפיהלט, ווי עמיצער האט איהם מיט א געוואלדיגער קראפט ארומגעכאפט די פיס, און נישט געלאזט לויפען ווייטער.

א קאלטער שוידער איז אדורך איבער'ן גאנצען לייב זיינעם.

פאר זיינע אויגען איז אויסגעוואקסען עפיס א טונקעלע פיגור.

— ווער איז עס?

באטיאני'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז דאס זעהט ער א געשפענסט פון יענער וועלט.

דער אומבעקאנטער, וואס האט ארומגעכאפט זיינע פיס, און וואס האט זיי נישט ארויסגעלאזט פון קלעם, האבענדיג, ווייזט אויס, א פאראויסבעשטימטען ציל איהם אומצובריינגען — האט געהאט אן'אימה'דיגען אויסזעהן.

זיין נישט בעדעקטער קאפ איז געווען ארומגעזוימט מיט שווארץ-גרויע ווילד-צופאטעלטע האהר; דאס פנים האט געהאט א פינסטערען ערד-קאליר, און איז געווען צוקאליטשעט נישט צום דערקענען.

אנשטאט אויגען האבען איהם אויף דער וועלט געקוקט צוויי טיפע בלוטיגע לעכער.

די אויגען זענען איהם געווען אויסגעשטאכען.

שטום איז ער אבער נישט געווען.

מיט א גראבער הייזעריקער שטים האט ער אריינגעשריגען אין באטיאניס אויער:

— דו דערקענסט מיך נישט, גראף באטיאני? יא, ביזט גערעכט! איך האב זיך שטארק געענדערט! איך האב פערלוירען מיינע אויגען! מען האט זיי מיר אויסגעבערענט! איך בין איצט א געשפענסט, א שאטען, וואס פלאנטערט זיך אום אויף דער ערד איך בין א פערשטויסענער, וואס ווערט געטריבען פון די אלע, וואס זענען נישט פויל מיך צו טרייבען! איך ווארף אן אנ'אימה אויף קינדער און פרויען! איך בין א שטאק-בלינדער, און איך ווער דערפון משוגע-מטורף! וועמען האב איך דאס אלץ צו פערדאנקען? אלץ דיר — גראף באטיאני! דו האסט געדארפט בלויז א האנד אויפהויבען, און איך וואלט געווען געראטעוועט! דו האסט מיך אבער פערראטען, נידריגער מענש! הגם דו האסט מיר געדארפט דאנקבאר זיין דערפאר, וואס איך האב דיר געראטעוועט דאס לעבען! איצט איז געקומען די צייט, אז מיר זאלען זיך אפרעכענען, דו אויסוואורף, דו! א, דו ציטערסט! דו פיהלסט, אז דיך האט געפאקט א מענש, ביי וועלכען אין לעבען איז געבליבען נאר איין פערלאנג — צו נוקם זיין זיך אין דיר! איך בין ריגא, דיין דינער! געדענקסט מיך נאך? איך בין דערזעלבער ריגא, וועלכען דו האסט פערראטען, וועלכער האט פערלוירען זיין ראיה, צוליב דיין אונהערציגקייט!

באטיאני האט זיך אנגעשטויסען, אז ער איז איצט מיאוס אריינגעפאלען, און אז די סכנה איז א שרעקליכע. דער נקמה-זוכענדיגער דינער זייגער איז איהם, ווי פון גהינום ענטקעגענגעקומען. ווער האט זיך געקאנט ריכטען אויף אזא אנשיקעניש. בשעתו האט ער דאך געהאפט און גערעכענט, אז די פרייסען וועלען נישט צו אויסמיידען צו אויספיהרען דעם טוים-אורטייל איבער ריגא'ן, און אז ער איז שוין פון לאנג אויף יענער וועלט.

און — דא האט ער פלוצים פאר זיך דערזעהן דעם פערקריפעלטען אויסגעקרימטען פנים פון דעם בלינדען ריגא'ן וועלכער האט זיך אלץ פעסטער און פעסטער איינגעקלעמט אין איהם איינגעקלאמערט מיט די נעגעל, ווי וועלענדיג איהם דערשטיקען.

(פארטזעצונג קומט)

Dr. med. Braun

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.
בעהאנדלונג מיט קווארץ ליכט (האר אויספאל).

23 פאלודניאווא 23

— טעלעפאן 26 40. —

יצהמט אן פון 9—10צוי פון 6 8 אווענד.

Dr. FELIKS BORNSTEIN

Cegielniana 4

טעלעפאן 34-90.

ספעציאליטעט: אקושער און פרויען־קראנקהייטען.

נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג.

Dr. H. Spira-Bornsteinowa

Cegielniana 4

טעלעפאן 34-90.

ספעציאליטעט: אקושער און פרויען־קראנקהייטען.

נעמט אן פון 3—6 נאכמיטאג. 955

דאנטיסט און צאהנטעכניקער

י. ביטענסקי

5 קאנסטאנטינער 5

נעהמט אן אלע טאג פון 9 פריה ביז 8 אווענד.

פרייזען ביליגע! גאראנטירט אויף צאהנשאלט

לעטשניצע פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

און ערצטליך־דענטיסטישער קאבינעט

זגערזשא 17, טעל. 33-16.

ד"ר ראמאווסקי	נאז, האלז, אויערן קר.	10-11 2-3 6½-7½
ד"ר רוזשאנער	הויט־ און געשלעכטס־קר.	10—11 1—2
ד"ר גאלדשטיין־פאראק	אויגען־קראנקהייטען	1-2 7-8
ד"ר יוסטמאן	נערוועו־קראנקהייטען	12—2
ד"ר ראזענצווייג	קינדער־קראנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני	פרויען־און געבורטס־הילף	11-1½ 5-6
ד"ר קאנטאר	כירורגישע־קראנקהייטען	3-4 ז.1-2
ד"ר ווײנבערג	אינערע הערץ לונגען־קר.	11-1 5½-7
ד"ר מטופעל	רענטגען	4-6 10-12
פ. פרוסאק	צאהן־ארצט	2—10
נ. ראזעס	צאהן־ארצט	4—7

צאהן־פונדהילונג, בעליכטונגען, קאפיאנען, מאססען, א. א. וו. ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

רענטגען־אינסטיטוט

היילונג פון הויט־קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגען־שטראהלען, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטונגען, קווארץ־לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער.

אנמעלדונגען געגען שארלאך (שקארלאטין) פון 4—5 נאכט.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.

וויזיט אין דער שטאט.

וכי תמכור ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו!

אין טאמער יא? זאלסטו קומען צו לויטען אין ביורא **פעטריקאווער 18**, וואו ס'ווערט ערלעדיגט אלערליי ביזנעס לויט'ן אויסטאוו, קלאוזעס, זאבעזפיעטשעניעס אויף אלע שטעט אין פוילען, אפעלאציעס, אסאציאציעס, אדוואקאניעס. רעקורסעי־ וועגן קאנצעסיעס און קאמיסאריאט־רזשאנדע, ביזנעס אין אלע פאליציי־בעצירקען, שותפות־אקטען, סטאטוטען, אקטען אינטערציזיעס, אקטען דעראזויזיעס, קארגע ספראוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אלע שפראכען. 503

שנעל, רעעל און ביליג!

וויכטיג פאר פריזיער־אנשטאלטען!

כ'מאך בעקאנט, אז אין מיין פערפומעריע־געשעפט איז צו בעקומען קעלניש און בלומען־וואסערן נור פאר 5 זל. א קילא, חעזשעטאל 3,50 זל. ווי אויך אלע קאסמעטישע ארטיקלען פאר פריזיערס.

מיט אכטונג

י. דרוכער, זאוויידזקא 11. 691

וויכטיג פאר לאדזער

און פראווינצער קוחים

פון דער קאלאניאל־, נאפט־און זייף־בראנזשע!

דערמיט מאכען מיר בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז מיר האבען ערעפענט אין לאדז 950

א זייף־פאבריק

אויף וואלבארסקא 16, טעל. 33-27

און צושטעהלען אלע זארטען זייף פון בעסטען קוואליטעט.

הורט־ און דעטייל־פערקויף! מיט אכטונג

צדוק סינא, וואלבארסקא 16

בעמערקונג: פאר הורטאווניקעס — גרעסערער ראבאט!

בעקאנטמאכונג.

דערמיט מאך איך בעקאנט דער געעהרטער קונדשאפט, אז עס איז אנגעקומען אויף'ן הערבסט־און ווינטער־סעזאן די נייעסטע זשורנאלען. איך עמפפעהל א רייכען אויסוואהל פון פראנצויזישע און אנגלענדישע סחורות.

די נייעסטע מוסטערן.

הערען־שניידער־אטעליער

H. MILNER

PIOTRKOWSKA 38, tel. 19-95 965

וויכטיג פאר לעמניקעס!

בעפאר איהר נעהמט קויפען, איבערצייגט אייך, — דאס נאר אין דער פאבריק

ש. שווארצאווסקי

פולנאצנא 24 טעל. 31-85

בעקומט איהר שטעט אויף לאגער אין גרויסען אויסוואהל:

פאטענטירטע פעלד־בעטען פון דער בעוואוסטער מארקע „Palma-Patent" מיט א גאראנטיע אויף 3 יאהר,

מעטאל־בעטען, לעזשאקעס, האמאקעס, קינדער־בעטלעך, קינדער־שפאציר־וואגענס אין־ און אויסלענדישע.

פעלד־בעטען מיט מאטראצען צו 18 זל. און פאלאטקע — 14 זל.

אלעס צו קאנקורענץ־פרייזען!

דער פריזיער־אנשטאלט

4 פאלודניאווא 4

מאכט דערמיט בעקאנט, אז ס'איז ערעפענט געווארען א דאמען־אפטיילונג מיט א בעזונדערן איינגאנג און עמפפעהלט זיך דעם פובליקום.

דאמען־סאלאן:		מענער־סאלא:	
שערען פון דאמען	80 גר.	ראזירען מיט קעלניש וואסער	40 גר.
אנדולאציע	1 זל.	שערען	80 „
קאפ וואשען מיט עלעקטריש		שערען יונגלעך	50 „
טרוקענען פון די האר	1.50 זל.	קאפ־וואשען	50 „

רעעלע בעדינונג. פאר דאמען — א בעזונדערן איינגאנג דורך'ן טויער.

ראטעוועט דאס געזונד!

די גרעסטע וועלטליכע מעדיצינישע פערזענליכקייטען האבען בעשטעטיגט, אז **75 פראצ. קראנקהייטען שאפען זיך פון עצירות.** א קראנקער מאגען איז די הויפט־סיבה פון די פערשידענסטע קראנקהייטען, פעראונרייניגט דאס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף־ווערקסלונג.

די בעוואוסטע פון 48 יאהר אויף דער גאנצער וועלט

ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra Lauera

ווי עס האבען בעשטעטיגט די פראפעסארען פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר פ. לעידען, ד"ר מארטין, ד"ר האכלעטער און א סך אנדערע בערימטע דאקטוירים, זענען אן אידעאל־מיטעל אויף בעזונדער צו מאכען דעם מאגען, פערניכטען דאס עצירות (פערהארטונג), זענען דאס אונפערטרעטבארסטע אפ־רייניגונגס־מיטעל, פערלייכטערן די פונקציע ביי די פיר ייאיגונגס־ארגאנען, פערשטארקען דעם ארגאניזם און ערוועקען אן אפעטיט.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera פערניכטען דאס ליידען אויף דער לעבער נירען, גאל־שטיינער, העמארוידן, רעומאטיזם און ארטרעטיזם, קאפוועהטאג, אויסשיטונגען און לישאיעס.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera זענען בעשטענדיג געהערען אויף דן דאקטוירים־אויסשטעלונג מיט אויסצייכנונגען און גאלדענע מעדאלען אין באדען, בערלין, וויען, פאריז, לאנדאן און א סך אנדערע שטעט. טויזענדער דאנקזאגונגען האט בעקומען ד"ר לאוער פון אויסגעהיילטע פערזאנען.

פרייז פון א האלבע שאכטעל 50 ג., דאפעלטע שאכטעל 2.50

פערקויף אין אפטייקען און אפטייק־סקלאדען

בעמערקונג: היט אייך פאר אהנגעווערטיגע נאכמאכונגען.

רעפרעזענטאנט אויף פוילען: **Józef Grossman, Warszawa, Chmielna 49**

Protestierte Wechsel

auf R.m. 2100.– Aussteller **A. Cygler in Lodz, Narutowicza 56,**

zu verkaufen.

Angebote unter „R. L. 1" an die Redaktion dieser Zeitung erbeten. 962

---

28 נאר 28 נאר 28

פערקויפט נישט אייער

מעבעל,

דיוואנעס, פעלצען, אנציגער, ניי־מאשינען א"ז"וו, בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט ביי די לאנג־יעקזיסטירענדע פירמע

ח. לאוניק, בענעדיקטא 28

נאר איך צאהל די העכסטע פרייזען!

בעמ.: ביי מיר אויף לאגער שטענדיג פערשידענע געברויכטע מעבעל און גוטען צושטאנד, פרייזען צוגענגליכער, ווי אומעראל!

28 נאר 28 נאר 28

לעטשניצע פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

בזשעזשינער 11, טעל. 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 א ענד

ד"ר וואליניס י	נאז, האלז, אויערן־קר.	3—4
ד"ר כערשנער	קינדער־קראנקהייטען	9—10.30 4—5 30
ד"ר שיפמאן	אינערליכע קראנקה.	10—12 5—6
ד"ר לובימש	הויט־און געשלעכטס קר.	11—1
ד"ר שמירנפעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	12—2
ד"ר גאלדבלאט	אויגען־קראנקהייטען	12.30—2
ד"ר עליאסבערג	כירורגישע קראנקה.	1—3
ד"ר בערגמאן	פרויען און געבורט־הילף	3—4

פסיכא־טעראפיע, שפר ד־שפריצונגען ווי שטעלען א. ז. וו. מאסאזשן־שטעלען, קינסטליכע בערג־זון־בעשטראהלונג איינשפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס. אויף פערלאנג — וויזיטען אין שטאט. אין לאבאראטאריום ווערען געמאכט אלע ארט אנאליזען, ווי אויך פלעגמא און בלוט. 2130

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א

דענטיסטישער קאבינעט

עס נעהמען אן:

ד"ר זילבערשטיין	צאהן־ארצט	9 2 נ.מ.
ד"ר לאזשינסקא סמאראגאלסקא	צאהן־ארצט	3—7.30

קינסטליכע ציינער, קראנען, מאסטען א. א. וו.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.

וויזיט 3 זלאטעס.

וויכטיג

פאר וועשערייען!

אין מיין שטיקעריי ווערט אנגענומען העמדען צו שטי־קען און צו צעקלען א 55 גראשען. צעקלען 18 גר. אויך אלע ארט שט קעריי זעהר ביליג ביי קאליש־קי, פאלודניאווא 6. לינקע אפיצ. 3 איינגאנג, 2 שטאק. אויך ווערט געברויכט 2 שטי־קערינס און איין לערנטעדעל פון זאפארט. 416

אויף די ימים נוראים איז צו פערדינגען

2 לופטיגע זעלער

מיט 2 בעזונדערע איינגאנג אין צענטער פון שטאט. צו ערפאהרען אין אדמ. אונטער ליטערע „F. C."

פאר 5 זלאטעס

עלעקטריש בעלייכטונג אינשטאל!

אויף ראטעס נור צו 5 זלאטעס וועכענטליך בעקומט איהר ביי מיר נייע אנלאגעס און איבער־מאכען פון אלטע אויף נייע אנלאגעס, ווי אויך פערשידענע עלעקטראטעכנישע מאטער־יאלען, זשארובקעס. גאז־צילינדערן אלעס צו זעהר ביליגע פרייזען. קומט, איבערצייגט אייך!

מיט בעשטעטיגונג פון די עלעקטראוניע.

בעמערקונג: פיאן פאר קאסע

מיט אכטונג **ח. מאלניק,**

ציגעלגאס 63 (ביים פוילישען טעאטער)

שייטלען

פון פערשידענע קוואליטעטען האאר, פערס. מאדעלען, גוטע אויסארבייטונג, רעעלע בעהאנדלונג. צו בעקומען **קאמיענא 5**, 2־טען הויף לעצטען איינגאנג 2־טען שטאק ביי בצלאל פארושצקי.

אנאנסען־פרייז: ...

אבאנעמענטס־פרייז: ...

Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brustowski i D. Silberberg.

Redaktor odpowiedzialny Ch. [illegible]

Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.